אויס ווי זיבעציק יאר אלט, אבער אין גאנצן בין איך בלויז אן אכצן־יעריקער. אוי, ווי איך ווינטש מיר אט אזא נס, אז אין איין נאכט זאל ביי מיר אויסוואקסן א לאנגע בארד! עפעס א מחיה צו האבן א לאנגע, ווייסע בארד . . . ווען מיר קומען צו די ארבעה בנים, צום „רשע מה הוא אומר“,ביילט זיך ביי מיר מיין קינדעריש פויסט. ס׳ווילט זיך מיר אויסברעכן דעם רשע די ציין . . .

— דו רשע איינער, — קלער איך מיר, — דו מנוול, וואס איז דאס פאר א מין לשון „מה העבודה הזאת לכם“? וואס הייסט דאס „לכם“? דו ליידאק, ב׳סט דען קיין ייד נ׳שט?

איך בין מלא כעס און וואלט אים אויף שט׳קלעך צעריסן . . . אבער מיין צארן פארבייט זיך באלד אין א געלעכטער, ווייל אט שוין האלטן מיר ביים „ושאינו יודע לשאול“. איר האט ש׳ון געזעען אזא מין לעמעשקע, אזא חמור, וואס ווייסט גארנ׳שט? כאטש פרעג א׳ם בחרם וואס פסח איז! א׳ך מאל מ׳ר א׳ם אויס אין מיין מחשבה: א גולם, מיט אן אפן מויל, מיט נארישע אויגן און לאנגע אויערן . . .

מיט וואס פאר א תענוג צייל איך מיטן טאטן די חסדים, וואס הקדוש ברוך הוא האט מיט אונז געטון, אויסרופנדיק נאך יעדן חסד „דיינו!“ עפעס א קלייניקייט, גאט האט דעם ים געשפאלטן און אונז אריבערגעפירט אויף דער טריקעניש. ס׳דכט זיך מיר, ווי איך אליין וואלט אריבערגעגאנגען דעם ים. אויך מ׳ר א קונץ ביים רבונו־של־עולם דעם ים צו שפאלטן! . . .

כ׳זע ווי בפועל ממש פרעה און זיין קאוואלעריע ווילן אונז כאפן, און ווי זיי לויפן אין גאלאפ נאך אונז . . . און דא — טוק! דער ים קערט זיך אום און ס איז א ביטערער סוף צו זיי!

און היינט ווי ד׳ יידן האבן געלעבט פערצ׳ק יאר אין מדבר מ׳ט מן. מ׳איז אויפ־געשטאנען א׳ן דער פרי און געפונען דעם מן פערט׳ק אויפן פעלד. וואס פאר א טעם מ׳האט נאר געוואלט, האט מען געפילט אין דעם מן . . .

ווער האט דאס דארטן באדארפט נייען קליידער צ׳ שיך? זיי האבן זיך דאך געהאלטן גאנץ פערציק יאר לאנג! ס׳האט געמוזט זיין א לעבן אן זארג, אן קאפ־דרייעניש, אז מ׳האט געדארפט זוכן פרנסה, ווי דאס א׳ז דער פאל ביים טאטן . . .

אפשר איז אייך נאך דאס צו ווייניק, האט הקדוש ברוך הוא אונז צו אלעם דעם צוגעגעבן זיין בעסטע מתנה — דעם הייליקן שבת מ׳ט אלע זיינע תענוגים!

און ווען דער רבונו־של־עולם גיט אונז בלויז דעם שבת אליין, וואלט דאך אויך ש׳ון געווען „דיינו“. האט ער א׳נז דערצו נאך געגעבן א תורה! איך קען עס מיר גארנישט פארשטעלן א׳ן מיין קינדערישער מחשבה וויאזוי מיר וואלטן געקענט לעבן אן דער תורה . . . ווי קען עס א מענטש לעבן אן א הארץ?

אט א׳ז שוין האלבע נאכט, און מען עפנט די ט׳ר פאר אליהו הנב׳א. דער טאטע שטעלט זיך אויף און רופט אויס מ׳ט גרויס כבוד, — ברוך הבא.

אמת, מען זעט אליהו הנביא נישט מיט ד׳ אויגן, אבער מיט אלע אברים פ׳ל איך ווי ער קומט אריין אין שטוב, ווי זיין לאנגע בארד ר׳רט אן דעם ט׳ש און ווי ער נעמט זיין כוס. איך פ׳ל זיין ליבן, פריינטלעכן בל׳ק, וואס פאלט אויף מיר פון זיינע גוטלעכע, קלארע אויגן. א צ׳טער לויפט מ׳ר אדורך דורך אלע גלידער . . .

א׳ך פיל ווי אליהו הנביא ברענגט מיט זיך א׳ן שטוב אריין דעם אטעם פון אן אנדערער וועלט; פון א וועלט, וווּ ס׳לעבן בלויז מלאכ׳ם און נשמות אן גופים. איך האב דעמאלט א׳ן אלעס געגלויבט . . .

או׳, וואס פאר א שיינע סדר־נעכט ס׳זענען דעמאלט געווען אין די קינדער־יארן!

## יידיש ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס

**אין בערנער סטר. 33, בערנאַרד באַראָן סעטלמענט א.1. — 3 אַזייגער**

שבת, דעם 14׳טן אַפריל שבת הגדול פּראָגראַם — רעדנער יעקב ריכטיגער.
שבת, דעם 21׳טן — די טראַדיציסנעלע פּרץ־יאַרצייט.
שבת, דעם 18׳סטן — געווידמעט חצי 7׳טע יאַרצייט פון בן־א סאָכאַטשעווסקי.
שבת, דעם 5׳טן מאַי — א פאָרטראַג פון בעלאַ ווײַנער.



# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 5 (העפט 367)    דריי און צוואַנציקסטער יאָר    מאַי 1962 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאַלט:

אקדמות, אַ התנצלות, געווידמעט י. ביעטשן צו ווערן אַ בן־שמונים.......°° 1
דער „בייבי־סיטער“ (דערציילונג) ........ י. ביעטש 5
יהודה ביעטש (פּאָטאָ) ........ 5
מאָריס ראָזענפעלד (עסיי) ........ יהודה ביעטש 12
אַכציק יאָר (ליד) ........ עלע זילבערג 16
יהודה ביעטש (צו זיין 80׳סטן געבורטסטאָג) ........ בן־צבי בערנשטיין 16
אַ ליד פון אַלטע צייטן (י. ביעטשן) ........ רענאטע היישעריק־פוקס 18
א מיידל מיט א קליידל (הומארעסקע), אַמאָל איז געווען אַ הונט (סאַטירע) משה בעקערמאַן 18
יאַנקל אַדלער (ליד) ........ יוסף לעפטוויטש 21
נאָך דער אַרבעט (אַ קאַפּיטל פון א בוך) ........ אליהו פּאַלושאַק 22
לבנה־ראנדעוו (ליריק), דער פּאַפּע דאַך (פּראזע) ........ א. נ. שטענצל 29
קולטור ידיעות
יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס ........ 48

## „פריינט פון יידיש לשון“

זונטיק, דעם 27׳סטן מאַי, 6.30    אַדלער־האָל אַדלער סטר. א.1.
באַנקעט צום 80׳סטן געבוירן יאָר פון

## יהודה ביעטש

אַדלער־האָל, אַדלער סטר. א.1.
אַלע זיינען איינגעלאַדן!    איינטריט פריי!

## פרייז 2 שילינג

אַבאָנאָמענט־פרייז:—26 שילינג פאַר אַ יאָר
אין אויסלאַנד:—8 דאָלאַר אַ יאָר
אדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:—
"LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS,
COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*

א מעמאָריום נאָך **יונה פאַדאַלסקי** ע.ה.
איינגעאָרדנט פון „פריינט פון יידיש לשון״, יוואָ און אַרבעטע רינג
י.וו.ק. (קולטור סעקציע), יידישער זשורנאַליסטן פעראיין,
יידישע סאָציאַליסטישע פאַרטיי־בונד, פריילאַנד גרופּע
זונטיק, דעם 3 יוני, 8 אַזייגער אין בן־אורי בערנער סטר. 14 וועסטענד
אַלע פריינט זיינען געבעטן קומען אָפּצוגעבן דעם לעצטן כבוד

מיר באַוויינען דעם טויט פון א הארציקן פריינד, א טרייער דינער פון דער יידישער קולטור און דעם יידישן וואָרט.

**נינא און שלמה נאָבל, ניו־יאָרק**

מיטן טויט פון **יונה פאַדאַלסקי** פאַרלירן מיר אן איבערגעגעבענעם פריינד, און אַקטיוון און ערלעכן קולטור־טוער און א גרויסן חסיד פונעם ייוו״א.

**מיכאל זילבערבערג און פרוי**

אונזער אויסדרוק פון טרויער צום טויט פון **בן־ציון שולמאַן** ע.ה.
פריינט פון יידיש לשון

די מצבה פון אונזער פריינט **יצחק מאַנדלבאום** ע.ה. ווערט געשטעלט זונטיק, דעם 27׳סטן מאי 1.45 אויפן בושי־בית־עולם. קומט אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד. די אלמנה, די ברידער און שוועסטער ווינטשן מיר זיי זאָל מער קיין צער נישט האָבן
פריינט פון יידיש לשון

די מצבה פון **פרוי מארקאָוויטש** ע.ה. איז געשטעלט געוואָרן זונטיק, דעם 20׳סטן מאי אויפן בית עולם אין ריינעם. אונזער פריינט משה מאַרקאָוויטש זין און טאָכטער ווינטשן מיר מער קיין צער נישט האָבן.
פריינט פון יידיש לשון

א צאתכן ובואכן לשלום אונזער פריינט **עני רובין** און **חנה הינדע שפּיגלמאַן** צו זייער נסיעה קיין ישראל.
פריינט פון יידיש לשון

א רפואה שלימה פריינט **יהודית האַמבורגער** וועלכע געפינט זיך אין שפּיטאל.
פריינט פון יידיש לשון

א רפואה שלימה פריינט **י. אייזענשטאַן**, וואס געפינט זיך אין שפּיטאָל.
פריינט פון יידיש לשון

---


מיר בעטן אונזערע אַבאָנענטן, זיי זאָלן צושיקן זייער אַבאָנא־מענט אָפּצאָל. דערמיט וועלן זיי פיל פאַרלייכטערן אונזער אַרבעט.

---

**ווערט א מיטגליד פון „פריינט פון יידיש לשון״**

---

„די אידישע שטימע״
די איינציקע וואָכנצייטונג אין דער אידישער שפּראַך אין דעם לאַנד.
THE JEWISH VOICE LTD.
11-13 NEW ROAD, LONDON, E.1. Phone: BIS. 9804


# לשון און לעבן


חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 5 (העפט 367) דריי און צוואַנציקסטער יאָר מאַי 1962 לאָנדאָן


## אקדמות

„אקדמות, איידער איך הייב אָן״, כאָטש דערמאָנען אַ וואָרט מכוח שבועות . . . איז דאָך דאַכט זיך די תורה דווקא געגעבן געוואָרן אין מדבר, און שטייט נישט בפירוש געשריבן אין דער משנה „והוי גולה למקום תורה״, און האָבן דאָך אונזערע גדולי החסידות, און די גאוני התורה גלות אָפּגערעכט, און דאָ, כדי צו באַשיינען דעם יום העצמאות, שטעלן זיך אַוועק צוויי רבנים, רעווערענדס, ראַביים, כ׳ווייס נישט ווי כ׳זאָל זיי אָנרופן, און רעכטן גאָר אָפּ פון גלות! שטעלן זיך אוועק פאַר אַן עולם אַלטע יידן און יודענעס און ריידן גרינג־שעציק, אָן רעספּעקט, פון אויבן טראָפּ איבערן גלות.

נאַטירלעך מיינען די חשובע רעדנער גאָלע גוטס: מתוך גנותו אתה בא לדי שבחו, אז די שיינקייט און די גוטסקייט פון מדינת ישראל זאָל אַרויסקומען נאָך וווּנדערלעכער און בעסער — עבירה לשמה! . . .

העברעאישע שרייבער אין ישראל, פירנדיקע דערציער דאָרט קלאָפּן זיך שוין על־חטא פאַר זייער טעות, פאַר זייער וואַרפן שמוץ אויפן גלות, פאַרן פאַרזען די שיינקייט פון יידישן שטעטל, די טרוקנקייט פון דער מאָדערנער העברעאישע פּאָעזיע זעען זיי דערין, די נישט איינגעפונדעוועטקייט פון דער העברעאישער פּראָזע, דעם קאָלאָסאַלן גרויסן פּראָצענט פון יוגנד־פאַרברעכן ביי די סאַברעס, זייער ווילד באַנעמען זיך, ווען זיי קומען אין די תפוצות . . .

אז מ׳פאַרלירט דעם שורש, דעם פעלדזן פון וועלכן מען שטאַמט ווערט מען פאַרעם־לאָז, גייט מען אַרויס פון ראַמען, פאַרלירט מען זיך . . .

און דאָ מיצקע דרינגען צו באַשיינען יידישלעך אונזער אַלעמענס יום־טוב שטעלן זיך אַנידער צוויי פיינע יידן. און שפּייען אין דער קאַשע אַריין.

אָבער אַ קשיא אויף אַ מעשה! מסתם זיינען זיי נאָר די שליחים, זיינען דאָך געזעסן דערביי זייערע פּרעזידענטן, און געקליבן נחת. והא ראיה, האָט דאָך דידאָזיקע קהילה, וואָס באַשטייט פון 99 פּראָצענט „פּאָרענע״ יידן אָנגע־הויבן אַרויסצוגעבן אַ זשורנאַל, זאָל זיך דאָרטן געפינען — אויף אָנשמעקע־ניש! — כאָטש איין וואָרט אין יידיש אָדער אין לשון קודש.

און אז מ׳האָט שוין גערעדט איבער אקדמות וועט מען שוין צוואַרפן א וואָרט איבער מילכיקע קרעפּלעך — און זאָל זיין נאָך עפּעס איבער שבועות.

אין מדינת־ישראל אויף אַ קאָנפערענץ פון פועלי אגודת־ישראל האָט מען זיך געפּאַטשט איבער יידיש —

הרב לאָרענץ האָט אָנגעהויבן זיין רעפעראַט אויף העברעאיש האָט עולם גענומען שרייען: „יידיש״! און ס׳איז געקומען צו פּעטש. יידישיסטן מעגן זיך אָפּגעבן מזל־טוב: מ׳פּאַטשט זיך שוין איבער יידיש, ווי אַמאָל אין אַ היימישער

שול איבער „ויצמח פורקני״.

אָבער „מה ענין שמיטה אצל הר סיני״, ווי קומען מילכיקע קרעפּלעך צו פייערדיקע פּעטש ? טאָ בייסט ווייטער וועט איר וויסן —

איר ווייסט דאָך די מעשה מיטן בראָדער רב, וואָס אַ פּרעזידענט, אַ רייכער משכיל האָט אים איינגעלאַדן צו זיך, כדי ס׳זאָל קיין חשש־טרפות נישט זיין. ער האָט ער אָנגענומען די איינלאַדונג אויף שבועות, צו מילכיקע קרעפּלעך. בייסט אַריין אין ערשטן קרעפּל זעט ער גאָר, אַז ס׳איז פליש, קוקט דער רב מיט פאָרוואָרף אויפן פּרעזידענט, ענטפערט אים יענער: בייס ווייטער, ס׳איז קעז אויך דאָ.

דעם בראָדער רב האָב איך נישט געזען, הרב לאָרענץ יאָ! האָט ער אַ הדרת פנים פון יענע אַמעריקאַנישע אגודאַ־רבנים, וואָס ווייזן זיך דאָ אין לאָנדאָן. קאָן איך זאָגן, בנקטת־חפץ אַז דער פּראָשענע שרייבער פון אונזער שטעטל מיטן געשווירענעם בערדל וואָלט ביי אים נישט געגעסן קיין קעז־קרעפּל אין שבועות, ווערט רעדט נאָך אַ פלייִשיקס ערב יום־כפּור, אפשר פּורים אונטערן גלעזל צו דער מילכיקער סעודה.

## אַ התנצלות

קודם אַ שטיקל התנצלות: אַ מחבר שיקט צו אַ בוך, קוקט זיך די אויגן ארויס אויף אַ קריטיק, אַ רעצענזיע און דאָ גייען חדשים פאַרביי און קיין סימן פון אַ נאָטיץ נישט אפילו; יידישע פּאָעטן, שרייבער ווערן בעל־יובלס, ווערן געפייערט איבער דער גאָרער וועלט, און אין איינציקן יידיש חודש־זשורנאַל אין מלכות ענגלאַנד איז קוים דאָ און דאָרט מ׳דערמאַנט זיך אין איינעם . . . זאָל מען דעם רעדאַקטאָר מוחל זיין. אין דער ערשטער העלפט פון חודש וויל ער אַריינכאַפּן אָנצושרייבן זיינע פאָר לידלעך, און איצט ווען ער איז שוין אַן „אָלד־פּענשן״ ווילט זיך אויך נאָך, אויב נישט נאָך אים, זאָל כאַטש נאָך זיין הייליקע טאַטע־מאַמען בלייבן אַ שטיקל זכר, און דאָס רעדאַקטירן און קאָריגירן ווי נישט שלימותדיק ביידע זאָל נישט זיין — צייט קאָסט עס! און אין דער צווייטער העלפט פון חודש מוז דער רעדאַקטאָר, במחילה, אויסטון דעם שנויץ־ראָק, אראָפּוואַרפן די „שליאַפּע״ און בכבודו בעצמו זיך שטעלן אויף די ראָגעס פון די לאָנדאָנער גאַסן צו פאַרקויפן דעם זשורנאַל, אַז נישט וועט נישט זיין, נישט קיין רעדאַקטירער, קיין פּאָעט, קיין „זכרונות־שרייבער״, און ערגער פון אַלץ — קיין „אָלד־פּענשן״ צומאָל, שוין אויך נישט . . .

איז אָנגעקומען אַ באַגייסטערטער בריוו פון אַ יידישן אינטעליגענט אין מאָס־קווע, אַ באַגייסטערטן אַ פאַרבענקטן, וואָס האָט געזען אָקאָרשט אין דער לענין־ביבליאָטעק אַ „לשון און לעבן״ פון יאָר 1947, געליינט צופעליק מיינס אַ ליד אין אַ וואַרשעווער יידישער צייטונג און מען פילט אַרויס דעם בריוו־שרייבערס באַגייסטערונג, ליבשאַפט און בענקשאַפט צום יידישן וואָרט, ממש פון יעדער שורה: „מיר לעבן דאָך עפּעס אין אַן עפּאָכע פון קולטור־דערנענטערונג פון קולטור־אויסטויש״ און ער בעט אים צוצושיקן אַ נומער „לשון און לעבן״ און דערפאַר וועט ער צושיקן אַ נומער סאָוויעטיש היימלאַנד״.



איר קאָנט זיך פאָרשטעלן, וואָס דאָס האָט געמיינט, וואָס פאַר אַ פסחדיקער יום־טוב דאָס איז געווען פאַר דעם רעדאַקטאָר־פּאָעט־קאָרעקטער און קאָלפּאָר־טער, נישט נאָר איז ער אַרויס פונם שנויץ־ראָק און פון דער „שליאַפּע״ — ער איז ממש אַרויס פון דעם עולם השפל: „יום זה שקוינו לו״.

דער פסחדיקער נומער „לשון און לעבן״ איז, פאַרשטייט זיך תיכף מיד מיט דער ערשטער פּאָסט אָפּגעשיקט געוואָרן. מיר האַלטן שוין ערב פסח־שני, אָבער דער טויש־נומער „סאָוויעטיש היימיש״ איז נאָך נישט אָנגעקומען. כ׳בין חלילה וחס נישט ענטוישט: שיקן מיר דאָך שוין יאָרן „לשון און לעבן״ צו „די צוקונפט״ אין אַמעריקע און קיין טויש־נומער דערהאַלט מיר אַלץ נישט. איך האָף נאָר, אַז דער חבר אין מאָסקווע אין נישט ענטוישט אין מיינע לידלעך אין האַלט מיך ווייטער פאַר אַ פאָרטגעשריטענעם פּאָעט. איך וועל אָבער אָפּוואַרטן מיט שיקן אַ צווייטן נומער ביז דער חבר וועט עס פערלאַנגען.

עד כאן ההתנצלות: מיר מוזן שרייטן צוויי שריט פאָרויס, כדי צוקענען מאַכן אַ שריטעלע אויף צוריק. מ׳מוז זיך אָבער גוט אומקוקן דאָס שריטעלע צומאַכן, נישט אָפּצוטרעטן אויף אַ פּוס, חלילה.

וואָס אַמעריקאַנער חברים טראַכטן מכוח אונזער זשורנאַל און איבער מיינע לידלעך, גייט מיך באמת קיין סך נישט אָן. ס׳בלייבן ליגן אַזויפיל עקזעמ־פּלאַר, זאָל איינער אויך ליגן אין אַמעריקע, ער קאָן אמאָל פאַרוואַלגערט ווערן צו אַן אינטעליגענט — זו יידישלעך, דאגייסטערטן, אַ מענטשלעך פאַרבענקטן, אין האַנט אריין, ווער ווייסט ?

## געווידמעט י. ביעטשן צום ווערן אַ בן שמונים

אַלע אידיאָלאָגיעס טרעפן זיך אָן אין איין פּונקט, אַ טויטן־פּונקט; די ליניע, דער קרייז גיט אים ערשט די פאָרעם, די לעבעדיקע פאָרעם. אַז אַ פאָלק, אַ פּאַרטיי, די רעליגיע דערגרייכט אַ טויטן־פּונקט איז אַך און ווי; און אַז אַ מענטש פאַרלירט דאָס שפּילנדיקע פון אייגענעם לייב, ווערט ער אַ מאַזאָכיסט, אַ סאַדיסט אַן אימפּאָטענט — אויף יחידישן אופן.

דאָס איז דאָס פאָרמענדיקע פון די פעלקער, פון מין־מענטש, פון די אַנטיק־צייטן אָן ביזן היינטיקן טאָג. און וואָס וואָלט פון די איראָפּעאישע פעלקער געוואָרן אָן דעם אויפשפּיל פון די כוחות פון אַ שעקספּיר, אַ רעמ־בראַנד, אַ בעטהאָווען און אַזוי ביזן היינטיקן טאָג. אונזער עפּאָכע פון איבער־געטריבענער מאַסן פּראָדוקציע פון טעכניש־פאַראיינפאַכטע מאַסן פּסי־כאָלאָגיע, אַז זי זאָל נישט אונטערגיין אין אַ מאַסן מיתה־משונה, וועט מוזן אויסגעפונען דאָס איינפאַכע שפּיל פון ליניע און קובן. אין דער פּאָעזיע האָט עס שוין תהילימדיק ווידער אָנגעהויבן, וואָלט וויטמאַן.

די קונסט ראַטעוועט קודם דעם שעפערישן יחיד אַליין. דאָס נעגאַ־טיווע אין אים טובלט זיך אין זיינע טיפע אינערלעכע פינסטערנישן ביז דער פּאָזיטיוו באַקומט דאָס קלאָרע שפּיגל־בילד און ס׳ווערט פאַרבילד פאַר פאָלק און מענטש.

וואָס וואָלט פון רוסישן פאָלק געוואָרן אָן דאָסטאָיעווסקי און טאָלסטאָי ?

פון אונזער לעצטע דורות אין אונזערע שטעט און שטעטלעך אָן אונזערע קלאַסיקער? פאַרן ביבלישן „נצח ישראל“ האָט דאָך עמך ערשטע געפינען אין זיי דעם פיזיש פּראָסטן און בטחון־פעסטן פירוש — דעם יידישלעכן אויסטייטש.

אַ פאָלק האָט נישט נאָר נויטיק צו לייענען זיין ליטעראַטור, אז ס׳זאל בלייבן לעבן, נאר ס׳מוז קודם זיין שעפעריש. אז די וועלט זאָל נישט אונטערגיין מוז דער מענטש זיין א מיט־שתוף צום מעשה בראשית, ער טאָר נישט פאַרלירן דאָס פאָרמענדיקע — דעם צלם־אלוקים!

די סקאַלע־ניווא איז, ווי ווייט די ליניעס זיינען אין ספּיראַלן געצויגן די ספירה קרייזן געצירקלט, ווי ווייט דער וואַקואום ווינקלט זיך אַרום פונקט — דער אַוועק פונם טוטן־פונקט! ווען נאָר כאָטש אַ בלויסער ווילן נאָר, א גסיסה־ראנגל דערפאַר.

אז די לאַגע פון אונזער ישוב איז אַזאַ ווי זי איז, וואָלט נאָך פסיכיש געווען אויסצוהאַלטן — מילא טויט איז טויט! אָבער אַזוי אָן א לעצטן ווילן, אָן שום געראַנגל. און די טומל לעצטנס ארום די העברעאישע דערציאונג, „דזשואיש קאַלטשער“ און „רעלידזשן“ בלע״ז... א סימן אז ס׳איז נאָך נישט קיין סך אויפגעטון, וואָרום ווען יאָ, וואָלט זיך דאָך דר. גאָלדמאן שוין הילכיק צעשריגן: מער ווי ס׳לאַנדאָנער יודטום, האָט דר. אַדענאַוער געהאָלפן לאַנדאָנער יידישקייט“ . . .

ווי וויט, אונזער שעפערישער כוח דאָ איז נישט געווען, אָבער אונזער לעצטן ווילן איז עס זיכער געווען מיט צוויי צענדליק יאָר צוריק, הערנדיק דעם גסיסה־צאַפּל פון אונזער יידישע שטעט און שטעטלעך, צו גרונדן דאָ „פריינט פון יידיש לשון“, אז „לשון און לעבן“ זאָל ווערן די אכסניא פאר שוין באַקאַנטע לאַנדאָנער שרייבער, און די יחידים וואָס פילן דעם שפּילערישן דראַנג אין זיך צו פאָרמען, זאָל אונזער לעבן דאָ נישט זיין א שפיל פאַרן טייוול פון נעגאַטיווע כוחות, אַ פאַרביילויפנדיקער שאָטן וואָס מאָלט זיך גרויס אויף דער וואַנט, נאָר ס׳זאל אויך בלייבן פון אונזער ישוב דאָ כאָטש א שטיקל פּאָזיטיוו אָפּשפּיגלענדיק בילדל.

צוויי צענדליק יאָר איז א סכום: אין 366 נומערן פון אַ זשורנאַל—פּאָזיטיוו, צי נעגאַטיוו, ווי מ׳זאָל זיך נישט שטעלן צו אים מיטן פּנים צי מיט דער פּלייצע, —דער שעפערישן געראַנגל פון א יידישן ישוב וועט שוין בלייבן דערין. די קולטור טעטיקייט פון „פריינט פון יידיש לשון“ איז נישט בלויז אַטמאָספערע און סטימל פאַר די אַקטיוו באַטייליקטע, נאר א קעמפעריש ארויס־רוף, א געוועט אויף וויפיל אונזער ישוב איז נאָך אינגאַנצן יידישלעך נישט טויט.

איינער פון אונזערע אַקטיוויסטע, איז י. ביעטש, ער איז איצט דער פּרעזידענט פון אונזער פעראיין. איז עס א גרויסע פרייד, אז י. ביעטש, דער בן־שמונים וואס האָט זיין ערשטע דערציילונג אָפּגעדרוקט אין לשון און לעבן, און זייט דעמלט צענדליקער און צענדליקער איז נאָך איצט בכל־תקפו, שרייבט און דרוקט דערציילונגען און עסייען, ווונטשן מיר אים, דעם בעל־יובל, און אונזער ארבעט דאָ, אָנצוגיין אזוי עד מאה ועשרים שנה.



## יהודה ביעטש

## דער „בייבי־סיטער“



יהודה ביעטש

משה קליינמאן איז א ייד אין די ווייטע זעכציקער יארן, א ברייט־פלייציקער; דעם אמת געזאגט, איז אלץ אין אים און אויף אים ברייט. א נאז האט ער א ברייטע מיט בעזעמלעך האר, וואס שטארצן ארויס פון די נאזלעכער, און אונטער דער נאז — א פאר דיקע ליפן, וואס פארלירן זיך אינם וואלד האר פון פולן פנים און דער ברייט־צעפאכעטער, רויטער בארד. איין שפיץ איז קורצער מחמת זיין אפטן בייסן די בארד נאר פון דער זייט. ס׳מאכט דעם איינדרוק ווי אין לויף פון די יארן האט זיך די בארד פארבויגן אין איין זייט, ווי עפעס א בייזער ווינט וואלט זי אויסגעקרימט.

אינם שטעטל, וואו ער האט אלע זיינע יארן פארברענגט, איז אחוץ בלאטעס, שטויב און קהלשע רייסענישן, האט יעדער בעל־הבית אויך געהאט א באזונדערן צונאמען. למשל, אים אליין, משה קליינמאן, האט מען גערופן „די רויטע קליאמקע“ צוליב אייניקע טעמים. ראשית, ווייל ער האט געהאט רויטע האר, והשנית איז ער געווען פון די נאטורן, וואס קיין שום זאך קען זיי נישט צופרידן שטעלן. האט מען אויפגענומען א נייעם רב אין שטעטל און דער עולם איז נישט שטארק נתפעל געווארן פון אים, פלעגט „די רויטע קליאמקע“ ארומגיין און בורטשען,

— נו, אז מען פרעגט נישט ביי מיר קיין עצה, איז צו וועמען האט איר טענות?

אדער פארקערט, אז מען האט גראד יא שטארק געליבט דעם נייעם רב פאר זיינע אויפטוען, פלעגט די רויטע בארד ביי משה קליינמאנען זיך צעפלאמען, און שאקלענדיק מיטן באהארטן קאפ זאגן,

— האב איך דען אייך פריער נישט געזאגט, אז ער איז א חכם עתיק?

מלבד־זה האט ער געהאט א שוואכקייט נאך פון זיינע יונגע יארן צו גיין יעדן ערב־שבת איבערן שטעטל פאר צדקה־צוועקן, און פאר וועמען צו גיין איז, ברוך השם, תמיד געווען. דא איז א חזן געקומען אין שטעטל אריין, דא א מגיד, היינט די שטעטלדיקע הצטרכותן אדער גלאט ארימעלייט. לכן איז אים אפט אויסגעקומען צו האבן צו טון מיט די קליאמקעס פון יידישע טירן,

הגם קיינער האט אים נישט געבעטן זיך צו פארנעמען מיט אזעלכע שליחותן. אלא וואס דען, ס'איז ביי אים שוין געווען א באדערפעניש אזא, וואס האט אים געטריבן דערצו ווי מיטן כוח פון א געוואוינהייט. ווען זיין פריינט, שלום שדכן, פלעגט אים פארווארפן, אז ס'איז שוין צייט אויפצוהערן מיט די זאכן און זאלן די בעלי־בתים אליין זיך שלאגן קאפ אין קישן, כדי ער זאל זיך איינשפארן צער און חרפות, האט ער אפילו נישט געוואלט הערן.

— נו, יא, דאס איז דאך וואס איך טענה — האט ראציל משה קליינמאנס ווייב געזאגט — אז ער איז א נאר זיך ארומצושלעפן אין זיינע יארן איבער די טירן. אגב בעט אים דאך נישט קיינער דאס צו טון! וואס ביסטו? קהלס פארזארגער?

א גוטמוטיק שמייכעלע האט זיך צעגאסן איבער משה קליינמאנס ברייט פנים און ווי זיין טבע איז געווען האט ער גענומען שארף קוקן זיין פריינט אין די שווער־באברעמטע אויגן אריין, קליגלענדיק זיך.

— זעסטו, שלום יעדער מענטש איז אן עולם־קטן, געשמידט צו פעסטע, אנגענומענע געוואוינהייטן. מיר פילן דאס אין מעשים בכל יום. איך קען דיר דאס גארנישט אזויפיל למנצח זיין. מיין דרך צו גיין איבערן שטעטל יעדן ערב־שבת איז בלי־ספק איינע פון מיינע געוואוינהייטן.

האט מען אין שטעטל טאקע אויסגעמיטן „די רויטע קליאמקע" מחמת זיין קאכן זיך בנוגע „זיינע ארימעלייט", ווי ער פלעגט זיי אנרופן, הגם אליין האט ער קיינמאל גארנישט געגעבן. אבער מיט זיין תקיפות און ווילדן כעס האט ער שוין געזען, אז אנדערע זאלן יא געבן . . . די בעלי־בתים האבן נאכן ריר פון דער קליאמקע שוין דערשנאפט, אז אט דער קאכלעפל און רכילות־טרעגער פון כל־המינים פאטשטן קומט. אזוי האט טאקע דער צונאמען „רויטע קליאמקע" ממש אים געפאסט ווי דאס לעגענדארע ציימל פאר משיחס ווייס אייזעלע.

האט מען אים דערזעען גיין אנגעטון אין דער ברייטער, טוכענער קאפאטע, וואס צוליב איר עלטער האט זי געהאט דעם אנבליק פון אן אליוון־גרינער קאליר און דעם ברייטן, סאמעטענעם היטל מיט דער הויכער דענקע, איינגעקנייטשט ביים סאמע דאשעק, מיט דער מיסטיש־רויטער פאטשיילע אין איין האנט און דעם יאמשענעם שטעקן אין דער אנדערער, האבן לייט גענומען מורמלען פון אונטער די געדיכטע וואנסעס,

— אהא, „די רויטע קליאמקע" גייט!

ס'פלעגט אמאל טרעפן, אז א יידינע האט זיך שטארק פארקרימט ביי זיין אריינקומען. דעמאלט האט זיין רויטע בארד זיך אקסטרא צעפאכעט, ווי ביי א פאווע דער עק, אנטפלעקנדיק משונה מאדנע קאלירן. א טייוולאניש געלעכטערן האט א וויהע געטון, צעלייגנדיק זיך אים איבערן ברייט־פארוואקסענעם פנים. זיין נאז האט אין יענער רגע גענומען טון צוויי באזונדערע ארבעטן מיטאמאל: ראשית האט זי גענומען סאפען, שמעקן, נישטערן; שנית האט זי זיך מאדנע פארקרימט. א טראכט געטון, אז אזא בעל־הבית דארף מען



א גוטן טרייסל טון, און ס'איז גענוג געווען איין „נו" אדער אן „עט", עטלעכע אפגעהאקטע ווערטער און פארטיק. יענער בעל־הבית האט שוין קלאר געוואוסט וואס עס מיינט.

אבער באלד ווי משה קליינמאן איז אמאל ארויס פון אזא שטוב, האט דער מאן געזאגט צום ווייב, ווארנענדיק זי,

— זעסטו, מלכה־דוואשע, מיט אזא נפש, וואס האט ליב א גוטן טרינק בראנפן און וואס אליין גיט ער קיינמאל גארנישט, נאר ווערט באלד אין כעס, איז א סכנה זיך צו פארטשעפען. אגב שטייען די מיידלעך אונזערע אין שידוכים, איז וואס קען מען וויסן וועלכע רכילותן דער קאכלעפל קען צעפויקן אין שטעטל. — און שפרייזנדיק איבער דער שטוב, האט דער ייד צו זיך געברומט, — יא, ווי זאגט מען „בכיסו, בכוסו, בכעסו".

אזוי־א האט „די רויטע קליאמקע" געפירט די גרענדע אין שטעטל יאר איין יאר אויס, תמיד פארנומען מיט די כלערליי פאטשטן. בין מנחה למעריב איז די וואכנטעג זיך געדרייט ארום דעם מעלעמער אין בית־המדרש, צוויי פינגער אריינגעשטעקט אינם גארטל, מעשה תקיף, שמייכלענדיק צו זיך צופרידן איבער אלע זיינע גוטע איינפאלן.

דאס איז געווען אמאל, אין יענע צייטן, ווען יידן האבן ווייניק געזארגט מכוח פרנסה און מער זיך פארנומען מיט קהלשע ענינים. די אשת־חיל איז געווען זיין ווייב ראציל, און פון די עטלעכע גילדן, וואס זי פלעגט לייזן אינם האלב־טונקעלען געוועלבל, האט מען געלעבט בדוחק. יידן אבער האבן בטחון, און גאט איז א גוטער . . .

אבער זינט משה קליינמאן איז אן אלמן געווארן איז אים טאקע שווער און ביטער. ווען נישט די עטלעכע קערבלעך, וואס די קינדער שיקן אים פון לאנדאן, וואלט אים אויסגעקומען צו נעמען א טארבע און גיין איבער די הייזער אויף זיינע עלטערע יארן.

דער זומער פון יאר 1933 איז אינמיטן חודש אלול אלץ נאך געשטאנען א הייסער. פון צייט צו צייט האט א קילער, דראבנער רעגן אדורכגעשפריצט די אנגעהייצטע לופט, אפפרישנדיק די באשטויבטע געסלעך. משה קליינמאנס געמיט אין דעם אלול־טאג איז געווען עפעס נישט אהער און נישט אהין. דא הייס און פארנע, ווי די נאטור, דא קיל און רעגנדיק. אן אומאנגענעמע, דערדריקנדיקע שטילקייט האט געהערשט ארום אים, א ליידיקייט, וואס האט אים נאך שווערער געמאכט זיין געמיט. ר'האט זיך געחידושט וואס אזויפיל משפחות זענען דעם זומער אוועק פון שטעטל. צוליב וואס?

פארטיפט אין די דאזיקע מחשבות, האט ער דערהערט א קול, וואס האט אים א קלונג געטון אין די אויערן. ער האט זיך ארומגעקוקט מיט א מין אומרואיקייט, ווי ר'וואלט פלוצליג דערוואכט פון א שווערן שלאף. פאר אים איז געשטאנען דער בריוונטרעגער, א הויכער גוי, וואס האט גערעדט א געבראכענעם יידיש און געקענט אלע יידן אין שטעטל מיט זייערע שיינע צונעמען.

— נא, „רויטע קליאמקע", דאס איז א פיסמא פון לאנדאן, — האט ער

אים געזאגט, געבנדיק דעם בריוו.

פארטראכט, מיטן בריוו אין דער האנט, האט משה קליינמאן זיך אוועקגעזעצט. אויפגעעפנט דעם קאנווערט, און אינם בריוו לאזן אים די קינדער וויכן, אז ער טאר מער קיין צייט נישט פארלירן. אלץ זאל ער פארקויפן, גארנישט מיטנעמען אחוץ פאר זיין פערזענלעכן געברויך און גלייך קומען קיין לאנדאן. ער האט א ציטער געטון, „ס׳טייטש, פארלאזן דאס שטעטל, וואו ר׳ האט זיין גאנצ לעבן פארברענגט; שייחן זיך מיט זיין טאטנס שטאט אין שול, מיטן בית־מדרש?" אבער אמשווערסטן איז אים אנגעקומען זיך צו שיידן מיט דער שטוב, וואו זיין ווייב ראציל פלעגט זיצן ביים פענסטער יעדן שבת נאך שלוש־סעודות אין איר שווארץ־סאמעטענעם קלייד, מיטן געשטריקטן, ווייסן שאל ארומגענומען, די אויגן אויפגעהויבן צום הימל, זוכנדיק א שטערן און ברומענדיק אין דער האלב־פינסטערניש אריין מיטן אלט־באקאנטן ניגון „גאט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב"; א ניגון, וואס האט אנגעפילט דעם חלול פון שטוב מיט טיפער בענקשאפט צום אוועקגייענדיקן שבת. און ווען זי האט אנגעצונדן דעם לאמפ און געזאגט דעם „גוט וואך!" פלעגט זי מורמלען צו זיך,

— און, טאטע אין הימל, ס׳זאל זיין א וואך פון געזונט, פרנסה בנחת ולא בצער אויף מיין הויזגעזינט און אויף אלע יידן. אמן סלה!

משה קליינמאן האט איינגענארעט דעם קאפ אין זיינע הענט, און א שטיק לעבן האט פאר זיינע אויגן זיך גענומען פאנאנדערוויקלען, פול מיט איבערלעבונגען און געשעענישן אין איין גרויסן פלאנטער, וואס איצט אין זיין נערוועזקייט איז עס אים שווער צו באנעמען. אמת, עס זענען געווען ביטערע צייט, אבער אויך געהויבענע טעג, וועלכע מען קען בשום אופן נישט פארגעסן. און איצט, איך די ווייטע זעכציקער יארן זיינע, דארף מען זיך לאזן אין דער פרעמד אריין און גריילעך ווערן א ניאנקע ביי די אייניקלעך. יא, דאס איז דאך וואס בעריש זעלדעס דער מארק־זיצערינס שרייבט איז ערגער ווי אלץ אויף די אלטע יארן . . . מאדנע, האט ער א מאך געטון מיט דער האנט, ווי איינער, וואס וויל פארטרייבן א נישט־אנגענעמגעפיל,

— איך האב וועגן די אלע זאכן, און ספעציעל פון פארן קיין לאנדאן, קיינמאל אפילו נישט קיין קלער געטון. אבער אז די קינדער ווילן, איז דאך נישט שייך. — האט זיך א שטעל־אויף געטון, א גלעט געבנדיק דער צעפאכעטער באָרד און ביי זיך געטראכט, — נישקשה, נישקשה, ס׳וועט מסתמא פאר מיר אויך זיך עפעס געפינען.

דער ווינטער יענעם יאר איז געווען שווער. באלד נאך די ימים־נוראים האבן זיך געשטעלט גרויסע פרעסט, א טיפער שניי איז אנגעפאלן מיט גרויסע זאווייערוכעס, וועלכע האבן געבושעוועט ווילד. די טעג — קורצע און קאלטע, איז עס געווען א ווינטער פון אין יוצא ואין בא. משה קליינמאן האט אין ערגעץ נישט געקענט ארויסגיין, און קיינער איז נישט געקומען צו אים. ביסלעכווייז האט די איינזאמקייט אנגעהויבן זיך פארוואנדלען אין עפעס א באזונדערער



שרעק. א געפיל פון רחמנות צו זיך אליין האט אים אנגעכאפט וואס בשעת זיין ווייב ראציל האט געלעבט האט ער עס נישט געהאט.

ערשט אין פרילינגס־צייט איז משה קליינמאנען געלונגען צו פארקויפן א טייל פון זיין האב און גוטס, אבער ר׳האט בשום אופן נישט געקענט זיך שיידן מיט די מעשענע לייכטערלעך, אין וועלכע זיין ראציל פלעגט ליכט־בענטשן און נישט מיטן זילבערנעם בעכער, וועלכן זיין זיידע האט נאך גענוצט קידוש צו מאכן; אפגערעדט שוין פון די הויך־פיסיקע, קרישטאלענע גלעזלעך און איבערהויפט דעם הויכן, קאלירפולן כוס, וואס אין יום־טוב ליכט פלעגט מיגניען מיט די אלע קאלירן פונם רעגנבויגן. אט דעם כוס פלעגט דאך זיין פאטער נוצן צום סדר יעדן פסח צו באגריסן דעם ליבן גאסט אליהו־הנביא מיט א ברייטן ברוך־הבא . . .

די נאכט פארן אוועקפארן האט משה קליינמאן נישט געקענט שלאפן, קלערנדיק וואס יא און וואס נישט מיטצונעמען. עפעס א קלייניקייט אין זיינע יארן זיך צו לאזן אין דער פרעמד אריין? אמת, ער פארט צו זיינע אייגענע קינדער, אבער אן זיין ראציל פילט ער זיך ווי פארלוירן. איז ער אזוי געלעגן אין בעט מיט אפענע אויגן און כסדר געגעבן שווערע קרעכצן אין דער פינסטערניש אריין. דער וואנטזייגער, וועלכן ר׳האט געשענקט זיין פריינט שלום שדכן און וועלכן יענער האט געזאלט קומען אים אפנעמען אויף צומארגנס נאך זיין אוועקפארן) האט אויסגעשלאגן די האלבע און גאנצע שעהן מיט עפעס אזוינע געהיימע קלאנגען, איבערלאזנדיק א טיף־זינקענדיקן עכא, וואס איז ביסלעכווייז אפגעשטארבן. משה קליינמאן האט אין דער נאכט דערפילט, ווען אלץ האט אזוי אויסגעזען ווי אן א סוף, אז עס קומט אן איבער־ברוך אין זיין לעבן.

כעלות השחר, מיטן קריי פון די ערשטע הענער, איז ער אויפגעשטאנען. דער טונקעלער הימל האט זיך גענומען הייבן, ווי א פארהאנג, וואס איז מיט יעדער מינוט געווארן העלער, קלארער, דורכזעעוודיקער. א פארשעמטער, מיט אן אראפגעלאזטן קאפ ווי א גנב, האט משה קליינמאן זיך ארויסגעשלייכט בשעת דאס שטעטל איז נאך געשמאק געשלאפן. ס׳האט אים פארקלעמט ביים הארץ; ער, דער פארזארגער פון ארימעלייט, לאזט זיי איבער אינם שטעטל אויף הפקר . . .

אין א דינסטאג אין דער פרי איז ער אנגעקומען מיט דער באן אויף „וויקטאריא סטעישאן". דער צוג איז אנגעלאפן מיט א פייפעריי, מיט א סאפען, פאסאזשירן האבן גענומען אויסשטייגן פון די וואגאנעס און פונם לעצטן וואגאן איז ארויס „די רויטע קליאמקע", די צעפאכעטע בארד אויף צופריער.

אפגעווארט אויפן וואקזאל האבן משה קליינמאנען אחוץ די קינדער אויך אייניקע ידידים פון זיין שטעטל, ווי בעריל דער שניידער, אברהם סטאליאר און יהושיע דער לאמער. הגם זיי האבן זיך שוין גערעכנט פאר היגע תושבים מחמת די לאנגע יארן, וואס זיי האבן אפגעוואוינט דא אין לאנד, האבן זיי אים פונדעסטוועגן גלייך דערקענט און אים אפגעשטעקט א ברייטן „שלום־

עליכם!״ בדרך אגב אינם שמועסן האבן זיי אים אויך מודיע געווען, אז אין א וואך־צוויי ארום קומט פאר א פארזאמלונג פון זייערע לאנדסלייט בנוגע דעם בריוו, וואס ער האט אריינגעשיקט מיט א פאר וואכן פריער אין פאריין אריין.

— ס׳איז שוין כמעט ווי באשטעטיקט, אז איר ווערט דער קאלעקטאר פון אונזער „חברה ביקור־חולים״.

דאס קליינע, דינע ווייבעלע, די שנור זיינע, מיט די געפארבטע ראזאבעקעלעך און שטיפערישע, שווארצע אויגן, דעם יונגערן זונס פרוי, ביי וועמען ער האט געהאט זיין וואוינונג, האט איינמאל אין א שבתות־צו־נאכטס זיך געווענדט צו אים, זאגנדיק מיט איר שעלמיש שמייכעלע,

— שווער־לעבן, מיר האבן היינט אן אוונט, א זער וויכטיקן „אפוינטמענט״. מיר וועלן זיך לאנג נישט זוימען. אז ס׳קינד וועט זיך וועקן, זייט אזוי גוט און וויגט עס צו אביסל . . .

אזעלכע בקשות פון דער שנור האבן זיך כסדר איבערגעחזרט מיטן באקאנטן פזמון, אז ער זאל אכטונג געבן אויפן קינד און יעדעס מאל פלעגט זי א לעק טון די ציטרין, ווי דערמיט בדעה געהאט צו פארטרייבן אן אומאנגענעמע זאך. אמאל האט זי אין געאייל א קוק געגעבן אויף איר האנטזייגערל און געזאגט,

— שווער, אלץ איז אנגעגרייט אויפן טיש אויף שבת . . .

א טיפער וויטאק האט אים גענומען פרעסן אויפן הארצן,

— סטייטש, און איר, קינדערלעך? ס׳איז דאך שבת!

אין שטעטל אמאל איז ער געווען דער תקיף, דער כל־ולך און שומר־שבתניק, וואס פלעגט שרייען אין די געסלעך אריין,

— יידן, שבת! פארמאכט די געוועלבער, די זון שטייט שוין גאנץ נידעריק אין מערב!

און דא אין לאנדאן איז ער, משה קליינמאן, מיטאמאל געווארן א שתקן, שטיל און געהארכזאם ווי א לעמעלע . . . ער האט גערוועז א צוויק געטון און מיט פארוואורף צו זיך פאר זיין שוואכקייט געזאגט,

— אזא איבערקערעניש אינם מוח און אינם הארצן איז לגמרי נישט צו פארשטיין . . .

די טרויעריקע מחשבות אויף דער עלטער צו ווערן א ניאנקע ביי די אייניקלעך, א „בייבי־סיטער״, ווי בעריש זעלדעס, האבן שטארק געדריקט אויף זיין צעווייטיקטער נשמה . . .

— נו, מילא, — האט ער געטראכט, — שווער טאקע איינצולעבן זיך מיטן דאזיקן געדאנק, אבער ס׳זענען דאך מיינע אייניקלעך!

נאר קוקנדיק אויף דער שנור, אויפן דינעם ווייבעלע, ווי זי נאגט עס א ציטרין, האט ער געפילט ווי די נשמה זיינע זינקט אים, זינקט אין עפעס א מין פחד. וואלט זיין ווייב ראציל איצט געלעבט, וואלט אים, משה קליינמאנען, אסך גרינגער געווען. זי, ראציל, האט דאך תמיד געהאט אזעלכע גוטע איינפאלן . . .



מיד פון ארומלויפן א גאנצן פרייטאג קאלעקטירן פאר דער חברה „ביקור חולים״, איז ווי נאר משה קליינמאן האט קידוש געמאכט און גענומען עסן די שבתדיקע סעודה באלד איינגעשלאפן. ער האט נאך ווי ס׳איז פרובירט זינגען „כל מקדש שביעי כראוי לו״, אבער דער קאפ איז אים געזונקען אלץ נידעריקער, פאלנדיק אויף דער האנט, וואס האט זיך אנגעשפארט אויפן טיש. דער שלאף האט אים גלייך א כאפ געטון, און די סצענע האט זיך אינגאנצן פארענדערט. ער איז צוריק אין שטעטל, ס׳איז ערב־שבת, ער שפרייזט איבער די געסלעך אנגעטון אין דער ברייטער, טוכענער קאפאטע און טראגט דאס סאמעטענע היטל מיט דער הויכער דענקע אויפן קאפ, די רויטע פאטשיילע אין איין האנט און דעם יאמשענעם שטעקן אין דער אנדערער האנט. נאכן באזוכן די בעלי־בתים לטובת זיינע ארימעלייט, שרייט ער אין די געסלעך אריין,

— יידן, שבת! ס׳קומט דער הייליקער שבת!

אבער אממיינסטן איז ער מלא חמה אויפן גביר פון שטעטל פאר דער חוצפה אים צו זאגן,

— ר׳ משה, ווער בעט אייך צו ווערן קהלס פארזארגער? שוין צייט אויסצוהערן צו גיין איבער דער שטאט פאר אייערע ארימעלייטס וועגן!

די ברייטע נאז, מחמת מידיקייט, האט זיך שטארק צעסאפעט און מיט באנומענע קולות געשריגן,

— איך וועל ביי זיי נישט פרעגן וואס כ׳האב צו טון! אזא בעל־הבית דארף מען א שטארקן טרייסל געבן! — און מיט אפגעהאקטע ווערטער אלץ העכער געשריגן, — יא, א טרייסל געבן! . . .

מיט אלע זיינע כוחות האט משה קליינמאן א שאר געגעבן מיט דער האנט און מיט אזא אימפעט, ווי ר׳וואלט זיך פארמאסטן דורס צו זיין עמיצן. און פלוצלינג — טררררראך! ער גיט א שטויס דאס טישל און קערט עס איבער. עס פאלן אראפ די געפרעגלטע פיש, די גאפל־מעסער, די חלות, די צוויי מעשענע לייכטערלעך מיט די אנגעצונדענע ליכטלעך; אלץ, אלץ ליגט אויסגעמישט אויף דער ערד . . .

דאס קינד אין בעטל אין דער צווייטער שטוב האט זיך צעשריגן מיט א קוויטש,

— מאמא!

א גליק, וואס דער זון האט פשוט פארגעסן מיטצונעמען דאס נייע פעשל קארטן און איז דעריבער צוריקגעקומען פונקט אין צייט . . .

צעטומלט פונם קראך, איז די „רויטע קליאמקע״ געבליבן זיצן, נישט ווייסנדיק וואו ער געפינט זיך. די צוויי שפיפן בארד האבן שטעכיק אראפגעהאנגען, די שווערע ברעמען האבן זיך טריב געלייגט איבער זיין בליק און ס׳האט געמאכט דעם איינדרוק ווי משה קליינמאן וואכט אויף פון עפעס א שווערן קאשמאר.

טרערן האבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן, דערזעענדיק דעם חורבן, און זיך געקייקלט ווי טוי־טראפנס אויף משה קליינמאנס מיט האר פארכאפטן

פנים. ער האט צו זיך געזאגט,

— יא, בעריש זעלדעס דער מארק־זיצערינס איז גערעכט! אמערגסטן איז אויף דער עלטער צו ווערן א „בייבי־סיטער" . . .

## יהודה ביעטש

# מאריס ראזענפעלד

(צו זיין הונדערטסטן געבוירנטאג)

מיט העכער א האלבן יארהונדערט צוריק האט די יידישע וועלט געשמט מיט די גאט־געבענטשטע שרייבער און דיכטער, דעם דריילינג שמעון פרוג, אברהם רייזין און מאריס ראזענפעלד. פון אט די פאעטיש־געקרוינטע קעפ האט די שענסטע קרוין געטראגן מאריס ראזענפעלד, דאס שיינדל פון דער יידישער פאעזיע און ווי אן אמתער קינסטער האט ער געהאט זיין בכבודיק ארט אין דער יידישער געזעלשאפט.

אין ראזענפעלדס ערשטע געדרוקטע זאכן האט מען שוין דערזעען א נייעם, אריגיעלן טאלענט, וועלכער האט געזוכט אויסצודריקן צארן און כעס אין די הויפט־מאטיוון פון זיין דיכטונג, זייענדיק סאי נאציאנאל סאי סאציאל. מפורסם אבער איז ער געווארן ביי דער יידישער ארבעטער־אינטעליגענץ, וועלכע האט אים ארויסגעוויזן גרויס אנערקענונג מייסטנס פאר זיינע לידער פון ארבעט. ווי אנדערע שרייבער פון יענער צייט, האט אויך ער אפגעשפיגלט דאס שווערע לעבן פון יידישן אימיגראנט אין אמעריקע.

אין די לידער „די סוועט־שאפ", „דער בלייכער אפערעיטאר", „איך און מיין יינגעלע" און אין ענלעכע אנדערע אנטהילט מאריס ראזענפעלד פאר אונז א טרויעריקע פאנאראמע, אויף וועלכער מיר זעען ווי די מאשין רואינירט ממש דעם מענטשן, גרייפט אן זיין נשמה און אפילו דעם פארשטאנד . . .

„גאנצע ביכער האב איך אנגעוויינט, שרייבט ער, דאס גאנצע הארץ ארויסגעקלאגט. מיין גאל און כוח האב איך באנוצט און געקעמפט קעגן דער שלעכטיקייט פון דער מאדערנער אמעריקאנער אינדוסטריע, קעגן דער ספעציעלער יידישער שקלאפעריי".

ס'איז דעריבער קיין חידוש נישט וואס אין דער אמעריקאניש־ענגלישער פרעסע האט זיך באוויזן א רעצענזיע אויף מ. ראזענפעלדס א בוך לידער. לעאו ווינער, פראפעסאר פון סלאווישע שפראכן, האט עס געשריבן אט די רעצענזיע, וואס האט אין יענער צייט געמאכט א רושם אויף דער יידישער גאס, ציענדיק די אויפמערקזאמקייט פון דער עפנטלעכער מיינונג בעיקר צום ליד „די סוועט־שאפ", וועלכעס אנטפלעקט פאר אונז די גסיסה פונם ארבעטערס נשמה און ווי זי ווערט לאנגזאם פארוואנדלט אין א מאשין.

„עס רוישן אין שאפ אזוי ווילד די מאשינען,
„אז אפטמאל פארגעס איך אין רויש וואס איך בין;
„איך ווער אין דעם שרעקלעכן טומל פארלוירן,
„מיין איך ווערט דארט בטל, איך ווער א מאשין.



„איך ארבעט און ארבעט אן חשבון,
„עס שאפט זיך און שאפט זיך אן א צאל.
„פארוואס? און פאר וועמען? איך ווייס נישט"
„ווי קומט א מאשינע צו דענקען אמאל?"

דא פילן מיר ממש דעם דיכטערס ביטערן צארן, דעם פראטעסט קעגן מאנאטאנער און שווערער ארבעט, וואס שיינט אויס וועט אזוי לאנג דויערן ווי דאס לעבן אליין. אן אנדער ליד, וואס מען האט געזונגען כמעט אין יעדן יידישן הויז, „מיין יינגעלע", איז פון זיינע אמטיפסטן דורכגעפילטע שאפונגען.

מאנכע פון זיינע זאכן איבן אויף אונז אויס א פארשידנארטיקן איינדרוק, אבער די טעמעס אליין זענען פארכאפנדיק, אויסצייכנענדיק זיך מיט א גרויסער קראפט, וואס האט באגייסטערט דעם אנגעלאפענעם, גרויסן יידישן עולם, געבנדיק אים מוט אין זיינע שווערע לעבנס־באדינגונגען. מאריס ראזענפעלד האט זיך דערהויבן צו ווערן דער הויפט־משורר פונם יידישן לעבן אין ניו־יארקער געטא. דער צושטאנד פון זיין געמיט דעמאלט געפינט אן אויסדרוק אינם פאלגנדיקן ליד:

„איך קוק אויף די ארעמעלייט מיט טרערן
„אין שאפ און אין דער היים, זייער נויט,
„און ביטערע טרערן און זידיקע טרערן
צעווייקן מיין מאגערן מיטאג, מיין ברויט".

מיר באקומען דא דעם איינדרוק ווי דאס לעבן, אין זיין ברוטאלקייט, וואלט איבערגעענטפערט דעם דיכטער אין די ארעמס אריין פון טראגעדיע. פילן מיר דאך א מין מרה־שחורה, א מין אומגליקלעכקייט פון א געשלאגענעם קעמפער אין זיינע מענטשלעך־סאציאלע שילדערונגען. יא, מאריס ראזענפעלדן איז עס טאקע אויסגעקומען צו שפרייזן, אויף זיינע עלטערע יארן, איבער די גאסן פון ניו־יארק, בלינד און פארלוירן.

מיר האבן אבער אויך לעבעדיקע בילדער, מיט פראכט און גלאנץ, פון די גאסלעך אין ניו־יארקער געטא. ס'איז כדאי איבערצוגעבן אפאר שטריכן פון זיין נסיעה אינם יידישן קווארטאל: „א רוח אויף גאנץ אמעריקע און בארדיטשעוו, נאר זיי זאלן קענען זיך פארגלייכן מיט אונזער „איסט סייד" אין ענגשאפט אדער יידישקייט, דען אין די ערב־שבתן און ערב יום־טובים איז זי בארדיטשעווער ווי בארדיטשעוו. אין די ערב עלעקשאנס איז זי ניו־יארקישער ווי ניו־יארק". עס איז דעריבער קיין חידוש נישט וואס ער האט זיך ארויסגעלאזט אין עלעקשאן צייט איבערן יידישן קווארטאל „צו זעען וואס עס הערט זיך". גייענדיק איבער א יידיש געסל, האבן אים אפגעשטעלט „דריי מיסט בארלס" (פעסלעך, בלע"ז) נעבן א ספרים סטאר אין מיטן טראטואר. אינטערעסאנט איז, אז די מיטלסטע בארל, א יידישע בארל, איז געווען פול מיט

יידישקייט מכל המינים. דארט האבן זיך געפונען לשנה-טובה קארטן, שמות פון סליחות, מחזורים, רינגלעך פון לולבים, לויזע ריטלעך פון ערבות און געבונדענע הושענות, ציצית און פסולע מזוזות. אט די אלע זאכן האבן זיך געפונען אינעווייניק, אבער פון דרויסן אויף דער באַרל איז געווען אנגעקלעבט א צירקולאר מיט א הכשר בזה הלשון:

„קומט היינט נאך קידוש אויפן קארנער ראטגערס סטריט. דער גרעסטער יידן-פריינט וועט רעדן. ער איז טאקע אן איירישער, אבער א כפרה אנדערע יידישע קאנדידאטס פאר דעם יאקיל. קומט נאך קידוש, רעווערענד ראבי פייקע-ראאוויץ וועט רעדן וועגן שבת און עלעקשאן״!

ארײנדרייענדיק זיך אין אן אנדער, זייטיק געסל, האט ער זיך אנגעשלאגן אין א צווילינג-שולעכל. דאס זענען צוויי-שטאקיקע, אלטע געבויגענע הייזלעך, וואס שטייען שוין איינס נעבן אנדערן זינט יארן בתמימות, ווי צוויי אלטע דרדקי-מלמדים אין בית-המדרש. אויפן צווייטן שטאק פון די הייזלעך געפינען זיך די שולעכלעך. אויף איין מקום קדוש הענגט פאלגנדיקע באקאנטמאכונג:

„היער אין שול ווערט געדאווענט ערב ובוקר בהשכמה ביטווין 5 און 6 אקלאק סטרייט. אנדערע ביזנעס צו פרעגן אונטן״.

אויסער די שול-אנאנסן, געפינען זיך אין די צוויי „פלאצן״ פלאגנדיקע ביזנעס: א פאבריק פון מאטראצן, געשעפטן פון אלטע מעבל און נאך עפעס. אחוץ דעם, א פאבריק פון בארדערס און בארדערקעס אין די צימערן.

„איך האב אנגעקוקט גאטס דירה אין דער איסט סייד און דאס הארץ האט מיר פארקלעמט פאר רחמנות אויף דער ארימער שכינה נעבעך, וועלכע האט געוויס אין אזא אטמאספערע געמוזט קריגן די אויסצערונג און ליגט ערגעץ-וואו אונטער א שטענדער און קרעכצט... אונגליקלעכע שכינה! וואו עס איז איר באשערט געווען מגולגל צו ווערן!...״

אין אט דעם רעשיקן תוהו-ובוהו פון יידישער אויסגעוואָרצלטקייט, וואוהין מען האט מיטגעברענגט א שטייגער לעבן, וואס האט זיך אויסגעפארמירט אין פארלויף פון הונדערטער יארן אין דער אלטער היים, האט זיך דא אין דער נייער וועלט און פרישער היים אלץ שנעל איבערגעבראכן פארן יידישן אימיגראנט. אסך אסך אומגליקלעכע לעבנס און געפייניקטע הערצער האבן אין יענער איבערגאנגס-צייט געלייענט מאריס ראזענפעלדס ווערק, געפינענדיק דארט זייער אייגענע געשיכטע פון א לעבן אן בלומען, אן פאנטאזיע, פון טעג פארברענגטע אין שווערער פראצע און הארעוואניע. געראטעוועט האט מען זיך, דאס הייסט „די גרינע״, אויף אן אריגינעלן אופן: מען האט געשוויצט אין דער שאפּ און מען האט געחלומט. איינם חלום האט מען גלייכצייטיק געלעבט סאי מיטן עבר סאי מיטן לעתיד לבוא.

מאריס ראזענפעלדס שאפונגען טיילן זיך אייך אין צוויי גרופן: איינע א סאציאלע און די אנדערע א נאציאנאלע. ער האט, מיט זיין אלזייטיקייט, אריינגעברענגט א גאנץ נייעם שטריך, וועבנדיק א חלום פאר דעם גרויסן טאג, וואס דארף קומען און ברענגען א דערהויבונג דעם יידישן וואנדערלעבן.



איז עס טאקע כדאי צו דערמאנען איינ׳קע סקיצן און פעליעטאנען, וועלכע טראגן אויף זיך אלע חן-גריבעלעך. אזוי, למשל, האבן מיר „דער נייער סדר אדער פסח אינם יידישן קווארטאל״, „דער סוד פון מתן-תורה״, „נביאות פון גלות אדער דריי דורות״. אט א ביישפיל דערפון: „גאר אמאל פלעגט מען ,לויפן׳ נאך אמעריקע, און א צייט שפעטער — איז מען ,געגאנגען׳ נאך אמעריקע, און איצט פארט מען נאך אמעריקע״; שוין אפגערעדט פון זיינע רייזע-בילדער און אנדערע ארטיקלען.

„מיר דערזעען יונג גראז, און דאס הארץ פאנגט זיך אן צו פרייען. עס ווערט גריק אויף די פעלדער, און ס׳ווערן גרין די געפילן. א פרילינג אין דרויסן און א פרילינג אינעווייניק; א לוסטגארטן אויף דער ערד, און א גן-עדן אין דער נשמה. און טיף אין דער ברוסט לאזט זיך הערן א געהיימע קוקאווקע:

— קוקו, איר וועט אייביק לעבן... ס׳איז נישטא קיין טויט... דאס קלענסטע גרעזל ווייזט, אז ס׳איז נישטא קיין טויט. אלץ גייט פארויס. ס׳איז אן אייביקער מארש פארווערטס; א גאלאפּ צום עץ-החיים...״

געקרוינט האט זיך מאריס ראזענפעלד מיט צוויי קרוינען: ראשית מיט דער קרוין פון פראטעסט און צארן אין די אינטערעסן פונם ארבעטער קלאס, ווי ער דריקט זיך אויס אינם ליד „דער לייב״:

„א, ציטערט, איך בין א לייב,
„נישט שפילט מיט מיר אין שפיצלעך,
„דען קוים דערלאנג איך מיר א הייב,
„צעפלייש איך אייך אויף פיצלעך!

„נישט קוקט וואס איך פארשוויַיג,
„נישט האלט מיך פאר א שוטה,
„עס קומט דער טאג, איך ברעך די שטייג
„און איר בלייבט ליגן טויטע!״

און שנית אין זיינע נאציאנאלע לידער און סקיצן האט מאריס ראזענפעלד נישט דורכגעלאזט קיין געלעגנהייט דארט, וואו ס׳האט געשמעקט מיט יידישקייט, אז ער זאל נישט באזינגען דאס פאלק ישראל, וואס איז פארן דיכטער א זיכערע זאך, קרוינענדיק זיך מיטן כתר פון יחוס און צער.

יידן אין ניו-יארק בפרט און אין דער וועלט בכל להאבן אין מאריס ראזענפעלד געאפונען א באליבטן שרייבער. זיינע ווערק וועלן פארבלייבן אין אוצר פון דער יידישער פאעזיע. ער אליין וועט פארבלייבן ווי דער פיאנער און הערלאד פון יידישן ארבעטער-ליד.

נישט בחינם האט מאריס ראזענפעלד באקומען דעם לארבער-קראַנץ פון די צארטסטע בלומען ביים יידישן פאלק אלס דער גאט-געבענטשטער דיכטער.

## עלע זילבערג

# אכציג יאר

געווידמעט פריינט י. ביעטש

אכציג יאר, א לאנגער וועג,
נאר ווי שנעל פערגאנגען,
שפירט מען קוים דעם מידן גוף,
ווען יונג זיינען פערלאנגען.
זאל די וועלט זיך יאגן דארט,
יוגענט הימלען שפאלטן.
ליגט דאס גליק דאך זייער אפט,
אין ווינקל שטוב באַהאַלטן.

ווער ס׳קען שמייכלען אזוי זאנפט,
נאך א קאמף א שווערן,
און מיט ליבע און פערשטאנד,
מיט זיינע פריינט פארקערן,
דעם די יארן זיינען גרינג,
דער ווערט זיך ניט באגלאגן,
נאר מיט ווירדע און מיט שטאָלץ,
געבענשט זיי ווייטער טראגן.

## בן צבי בערנשטיין

# יהודה ביעטש

צו זיין 80־טן געבורטסטאָג

הויך שלאַנק גלייך ווי אַ סטרונע, מיט זילבערנע האָר אויפן קאָפּ, קוקט ער אויף אייך מיט גוטע קלוגע אויגן.

זיס איז ביעטש׳ס אויסזעען און ווען ער הויבט אָן צו רעדן מיט אַ שטילע, נאר א זיסע דייטלעכע שטימע, באַווייזט זיך אויף זיינע ליפן א ליבער שמייכל, וואָס ציעט אייך באַלד צו אים און לאַנג וואָלט איר אים געוואָלט הערן רעדן. אויך אַלץ, וואס ער שרייבט געפונט איר נאר זיסקייט. און ווער קען זאגן א חסרון אויף זיסקייט, אויף זיסע מענטשן? און טאקי זיין זיסקייט, וואָס ס׳איז אים געגעבן געוואָרן פון דער נאטור, האט „ביעטש“ צו פאַרדאַנקען דאָס, וואָס אלע האבן אים ליב. יעדער געפונט אין אים א חבר, א גוטן פריינט און א בעל־עצה.

איר מעגט זיין מיט אים ווייניק באַקאַנט, איר מעגט אים זען דאס ערשטע מאָל, וועט איר האבן גרויס נחת, ווען אייך קומט אויס צו רעדן מיט אים. יעדעס וואָרט זוינס טראַגט אריין אין יעדן האַרץ ליבשאַפט און וואַרימקייט. א יעדער געפונט ביי מר. ביעטש גענוג צייט, ער זאָל זיי אויסהערן און צופרידן שטעלן.

איבערהויפט ווידמעט ער זיין צייט פאַר די, וואָס האַלטן א פען אין דער האַנט און פאַר ליבהאָבער פון ליטעראטור. זיי דערוואַרימט ער און צווישן זיי פילט ער זיך, ווי אַ פיש אין וואַסער.

נאָנטע און באַקאַנטע, ווען ער דאַרף מיט זיי עפעס רעדן — האָט ער ליב זיי צו נעמען געאָרמט און מיט זיי שפאצירן, ביז ער ענדיקט נישט דעם שמועס.



אַ „זיידענער“ מענטש אַזאַ איינדרוק האָט ער געמאַכט אויף מיר, ווען כ׳האב אים צום ערשטן מאל געזען. מיט זיין ווייסן קאָפּ האָר אויף דער אויס־געצויגענער שלאַנקער פיגור איז ער יונגער און לעבעדיקער פון אַסאַך יונגע. זיין שטימע אין רעדן און אין פאַרלייבען קלינגט יונג. איבערהויפט איז מר. ביעטש אונטערעסאַנט דאמאָלס, ווען ער צערעדט זיך: ס׳באַווייזט זיך אויף זיין בלאָס כמעט ווייס פנים אביסל רויטליכקייט, ווי ביי אַ יונגן מאַן. איבער־הויפט, ווען ער רעצעטירט אַסאַך מאָל שבת נאכמיטאָג אין יידיש ליטעראַרישן קלוב „פריינט פון יידיש לשון“.

זיין חסידיש בעלי־בתיש אָפּשטאַמונג שפיגלט זיך אפּ אויף זיין פנים. יידיש שטאָלצקייט אינײנעם מיט אַריסטאָקראַטישע יידיש מאַניערן אין יעדעס וואָרט וואָס ער רעדט ארויס איז געציילט, געפּערלט. ס׳איז באמת א תענוג צו זעען דעם שמייכל אויף זיינע ליפּן. יעדעס מאָל ווען ער הויפּט אָן צו רעדן, אָדער, ווען ער הערט, אז אַן אנדערער רעדט פון ענינים, וואס אים איינטערע־סירט.

אין אים ליגט עפּעס א יוצא מן הכלל קראַפט צוצוציען צו זיך מענטשן.

אונדזער בעל־יובל איז געבוירן אין אַ פוילישׁ שטעטל „ראַווע“ אין 22.5.1882 ביי חסידישע סוחרישע עלטערן, ווי ר׳הראט געקריגן דעם טראַדיציאָנעלן יידישן חנוך און אין 1906 איז ער אַריבערגעקומען קיין ענגלאַנד מיט־ברענגענדיק מיט זיך דאָס יידיש וואַרים הארץ. אין לאנדאן איז ער נישט געזעסן מיט פאַרלייקטע הענט, נאר טאקי תיכף בלב ובנפש משתתף געווען אין פאַר־שיעדענע קולטורעלע ארבייטן. ווי צ.ב.

אקציאָנער מיטארבייטער אין פארוואלטונג פון „דאס פרייע וואָרט“
„די רענעסאנס זשורנאל“

איינער פון די גרינדער פון דער יידישער נאַציאָנאל קונסט פאַריין „בן אורי“ ווי ער איז ביז היינטיקן טאָג וויצע פרעזעדענט.

איינער פון די גרינדער פון „די סקערניעוויצער און ראווער הילפס פאריין
איינער פון דעם קאמיטעט פון דער יידיש ליטעראַרישער פאריין
„פריינט פון יידיש לשון“ ווי ער איז היינטיקן טאג איר פרעזעדענט.

שרייבט אויך פון צייט צו צייט פאַרשידענע דערציילונגען אין און עסייען אים דעם חודש זשורנאל „לשון און לעבן“.

נישט איינמאל איז דערשינען זיינע רעפּאָרטאזשן אין דער יידישע וואָכן צייטונג.

זייענדיק א כלל־טוער, א קאמיטעט מענטש און א פרעזעדענט אין פאַר־שיעדענע פאריינען. געפונט ער אויך צייט נישט נאר צו שרייבן אין חודש זשורנאל, נאר אויך ארויסצוגעבן א בוך, ווי דאס בוך מיט די שיינע דער־ציילונגען „די שיידוועגן“ וואָס איז דערשינען אין יאָר 1952.

דאָס בוך „די שיידוועגן“ איז בלי־ספק א ביישטייער צו דער יידישער ליטעראטור.

## רענאטע היישריק-פוקס

# א ליד פון אלטע צייטן

(געווידמעט מיין פריינד י. א. ביעטש צו זיין 80טן געבורטסטאג)

איך האב מיך אין א ליד דערמאנט,
א ליד פון דער אלטער צייט,
א שמחה האט עס אין מיר געוועקט,
א שמחה, וואס ס׳איז מיר ווייט.

דאס ליד וואס קלינגט אזוי שטארק,
אין הארץ פון דעם גליק,
וואס הויבט זיך צו גאט אין שרעק,
און קומט מיט פרייד צוריק.

א ליד, וואס הערצער צעבראכט אומזיסט,
אין איך וויל דעם אמת דערגיין,
אידעפן שטיל מיין קראנקע בריסט,
און טו עס דאמאלס פארשטיין . . .

## משה בעקערמאן

# א מיידל מיט א קליידל

(הומארעסקע)

וואס שייך פרויען, זאג איך אייך, אז איר וועט שוין זייער וועלט נישט ענדערן, ווייל זינט אונזער מוטער חוה האט געשאפן די מאדע צו באצירן דעם קערפער, כדי צו געפעלן דעם איינאיינציקן בחור אויף דער וועלט איז אט די דאזיקע מאדע מער נישט אראפ פון דער טאג־ארדנונג ביי פרויען!

איך, אייגנטלעך, קען עד היום נישט פארשטיין פארוואס חוה האט אזוי זיך געדארפט אויסטרויען, אזוי קאקעטירן. וואס, ער וועט זיך פארליבן, חלילה, און אנטלויפן מיט אן אנדערער? . . . וואס האט זי מורא געהאט? ווען, למשל, היינטיקע טעכטער אירע וואלטן געווען אזוי זיכער מיט זייערע „באשערטע“, ווי זי איז געווען מיט אדם׳ן, וואלט זיי אפשר נישט געליטן פון דער מאדע חולאת, פון וועלכער נישט קיין דאקטאר און נישט קיין טאטער קען זיי היילן! אפילו נישט ברענגען צום נארמאל שכל.

ווי נאר א כלאפ פון א בחור וואלט זיך דערקלערט א מויד אין ליבע, שעפטשענדיק איר אין אויער אריין „איך קען נישט לעבן אן דיר“, „איך, וועל גיין אין עק וועלט, וועל איינגעמען א מיתה משונה“ און ענלעכע „עכטפאטעטישע“ פראזן, וואס קלעבן זיך ווי אן ארבעס צו דער וואנט, אדער ווי אן אמעריקאנער מאכינאציע צו דער לבנה, וואלט איר ווייבערישער קאפ באלד דערשמעקט וואס פאר א יאלד דאס איז און נאך פאר דער חתונה וואלט זי אים דערגאנגען די יארן. נאר אזוי ווי די קאנקורענץ אויף בחורים איז היינט אזוי גרויס און נישט אלע מיידן זענען „קראסאוויצעס“, מוז מען זיך באנוצן מיט



פארשידענע „קאמופלאזשן“, כדי צו פאקן „קרבנות אויף דער וועגדטקע“. די דאזיקע כיטרע שטיקלעך רופט מען מאדע.

היות אבער מאדע און שכל לעבן זעלטן בשלום, טרעפט, אז איין טאג באגעגנט מען א מיידל, שיין ווי גאלד, מיט לאנגע, בלאנדע האר און מיט בלאע אויגן, ס׳איז ממש א פארגעניגן צו קוקן אויף איר, און איבער נאכט זעט זי שוין אויס ווי אן אלטע באבע, מיט גראע האר, וואס זענען ארומגעוויקלט איר אויפן קאפ, ווי אן איבערגעדרעט קוגל־טעפעלע. די אויגן זענען איר צוגעפארבט אויף גרין, און זי האט גארנישט קיין השנה, אז א שענערע לייגט מען אין קבר אריין! זי ווארט נאר, אז איר זאלט טאנצן פאר שמחה און איר נאך מאכן קאמפלימענטן, אז קיין שענערס האט איר קיינמאל אינאייער לעבן נישט געזעען...

קומט אריין א „מאדעפאקער“ (נישט פון פאקיסטאן . . .) פון לאנגע קליידער, העלפט אייך נישט קיין פאקן־שטעלן. אלע וועלן זיך שוין אנשטעקן מיט דער „לאנגער“ קרענק סאי הויכע, ווי דרענגער און נידריקע, ווי ליליפוטן; דיקע, ווי פעסער און דארע, ווי שפענער, אלע מארשירן אין לאנגע קאפאטעס ביז א לץ אין פאריז גיט ארויס א פריקאז — „קורצע קליידער“! דעמאלט וועלן שוין די לאנגע קליידער האבן אפגעהאקטע יארן . . . די הויכע, די דארע מיט די דינע פיסלעך ווערן די בעסטע קאמעדיאנטקעס אין דער מאדע־שפיל.

אט אזא הויכע געפינט נישט קיין אנדער ארט אין צוג ווי נאר אוועקצוזעצן זיך פונקט קעגנאיבער מיר! וועט איר דאך מסתמא פרעגן, נו, טא איז וואס? איז דאס פשוט א סימן, אז איר ווייסט נישט פון מיין מלאכה. ווי איר זעט מיך, בין איך אמאל געווען א שניידער, און עד היום קען איך נישט צוזעען ווי מען מאכט א תל פון א קלייד. אט די הויכע האט דווקא געטראגן א קורץ קליידל פון געשטרייפטער סחורה. וואלטן די שטרייפן געגאנגען בארג אראפ, ס׳הייסט לענגאויס, וואלט נאך געווען א האלבע צרה. גייען זיי אבער האריזאנטאל! ווי נאר זי האט זיך אנידערגעזעצט, האט איר גלייך דערזעען אירע צוויי דארע קני, ווי זיי קוקן פארשייט אויף אייך, און אזוי ווי עס שטייט איר נישט אן איר זאלט מאכן באקאנטשאפט מיט זיי. שפרינגט זי זי אויף און גיט א שלעפ דאס קליידל. אפנים עס ווערט איר לייכטער אויפן געוויסן, נאר זי גיט זיך א האסטיקן זעץ אנידער צוריק אויף דער ווייכער, פליושענער באנק, אזוי, אז דאס קליידל ווערט נאך קירצער און די חוצפהדיקע קני קוקן אויף אייך מיט מער פארשייטקייט.

הכלל, וואס זאל איך אייך זאגן, פון דעם מאמענט אן האט זיך אנגעפאנגען א קאמף אויף לעבן און טויט צווישן מיידל מיט איר קליידל.ביידע זענען זיי געווען עקשנים — „קאסא נא קאמיען“!

דאס ערשטע מאל אין מיין לעבן האב איך מיך אנגעטראפן מיט אזא גימנאסטיק אויף דער באן. דאס מיידל ארויף, דאס קליידל אראפ; דאס מיידל אראפ, הא, הא, דאס קליידל ארויף און די צוויי דארע קני זענען שוין ווידער דא! ס׳האט מיר אנגעהויבן שווינדלען פאר די אויגן.

איך דריי מיך אויס צום פענסטער און שעפ אביסל נחת פון די שאף, וואס

מעלה־גרהן אויף די פעלדער אזוי פילאזאפיש־געמיטלעך און חלומען אפילו נישט פון קיין מאדעס.

פלוצלינג ווארף איך אן אומשולדיקן זייטיקן בליק אויפן מיידל און כ׳זע, אז דאס געשטרייפטע קליידל האט פארשפילט דעם קאמף. פון דעם גלייכן ברעג פון קליידל איז געווארן שפיצן . . . דאס האט מיך שוין פארדראסן; מיין שניידערישער כבוד איז דא געמיין באליידיקט געווארן. ווי האט עס צי נישט א מענטש גאט אין הארצן און מאכט אזא תל פון אזעלכע, גלייכע שטרייפן ! . . .

די טראגעדיע איז וואס נאכן גאנצן שלעפן און צופן איז איר קוים געלונגען צו באהאלטן איין קני. די צווייטע האט זיך באוויזן צווישן צוויי אפגעשיידטע שפיצלעך און געווארפן א גנבישן שמייכל צו מיר, ווי איינער רעדט, „אויב דער לאננאטש פון א מויד שעמט זיך אזוי מיט אונז, טא ווער הייסט זי טראגן א קליידל ביזן פופיק ?“

איך האב שוין פארענדיקט מיין רייזע, שטייענדיק אין קארידאר ביז דער צוג איז אנגעקומען אויף מיין סטאציע. מען דארף דאך האבן אייזערנע נערוון צו היינטיקע מיידלעך מיט זייערע קלעדלעך.

## אמאל איז געווען א הונט . . . (סאטירע)

אמאל איז געווען א הונט, האט ער געהייסן מאנסטער. אלע אנדערע כלבים זענען געווען הינט קעגן אים, און איר מעגט מיר גלויבן, אז אט דעם נאמען האט ער זיך כשר פארדינט . . . אנגעפאנגען זיין הינטישע קאריערע האט ער נאך איידער ער האט דערלעבט אויפצואוואקסן. קינדער זענען נישט זיכער געווען מיט זייער לעבן ווען און וואו ער האט זיך נאר באוויזן.

טאמער האט זיך עמיצער באקלאגט פארן בעל־הבית איבער מאנסטערס אכזריות, פלעגט ער זיך אוועקשטעלן מעשה שטן ווי א נעבעכל, פארדרייען דעם פיסק אויף א זייט און קוקן מיט א רחמנותדיקן פרצוף אויפן אנקלאגער. אין זיין קאלטבלוטיק דרייען מיטן וויידל, פלעגט ער אייך לאזן וויסן, אז ער נעמט עס זיך נישט צום הארץ; אז, בכלל, ער האט נישט קיין געוויסן.

מאנסטער האט גוט געקענט דעם בעל־הבית זיינעם, אז יענער איז נישט בעסער פון אים . . .

וואס עלטער מאנסטער איז געווארן, אלץ גרעסערע אכזריותן איז ער באגאנגען. יונג און אלט, מענער, פרויען און קינדער, האבן געהאט אפגעהאקטע יארן דורך דעם הונט, דעם מאנסטער, ביז עס איז געלונגען איינעם פון זיינע קרבנות סוף־כל־סוף אים צו כאפן אין א פאסטקע.

אין דער אלטער היים וואלט מען מיט אט אזא כלב נישט געמאכט קיין לאנגע שהיות: מ׳וואלט אים געגעבן א כמאל איבערן קאפ — און אריין אין מיסטקאסטן ! אין די היינטיקע ציוויליזירטע לענדער אבער איז דאס פאר־באטן . . . אזעלכעס באטראכט מען נאך פאר א גרעסער פארברעכן ווי, למשל, פארסמען די אטמאספערע מיט די לעצטע „הומאניטארע“ גאזן, מיט וועלכע מען האפט צו ראטעווען די וועלט.

שלעפט מען דעם מאנסטער איבער שטעג און וועג ביז מען ברענגט אים



פאר א משפט . . . די אנדערע כלבים פון דער זעלבער קאטעגאריע, אנשטאט זיך צו פארשטופן ערגעץ־וואו אין א נארע, מאכן גאר אזא ויצעקו, אזא בילעריי, אז זיי וועקן אויף די משחיתים פונם עולם־התחתון. ס׳איז גארנישט משיג צו זיין אט די גרויסע חוצפה זייערע.

הענדום־פענדום קומט צו לויפן א גרויסער, קודלע־וואטער הונט, וואס וויל אויפווייזן, אז מאנסטער, זיין קליענט און בעסטער פריינט, טשעפעט נישט אפילו קיין פליג אויף דער וואנט; אז ער איז גאר ממש גאט שולדיק זיין הינטישע נשמה ! איי די אלע צעריסענע, צעבלוטיקטע קרבנות? אנדערע, אנגערייצט הינט האבן דאס געמוזט טון; און גיט נאך צו, אז אמת זיין קליענט האט עס אנגערייצט יענע באנדעס הינט, אבער ער האט עס געמוזט טון אויס מורא פארן כלב שבכלבים — ימח שמו וזכרו !

דער גרויסער, קודלעוואטער הונט האט געהאלטן אין איין רעווען בעת מאנסטער האט קאלטבלוטיק פארדרייט דעם פיסק, בלעטערנדיק אזוי אומשול־דיק מיט זיינע פאדערשטע לאפעס די איינצלהייטן פון זיינע מעשים ביז . . . ביז ער האט זוכה געווען צו הערן זיין־טויט־אורטייל.

ס׳איז נישט דאס ערשטע מאל, אז א הונט האט באקומען א טויט־שטארף פאר אסך א קלענער פארברעכן. נאר מיט אט דעם כלב איז עס א מעשה אן אן עק. מען האט אנגעגעבן אן אפעלאציע פאר אים, אויך די אפעלאציע איז שוין לאנג צוריק באטראכט געווארן. און בשעת מאנסטערס לעבנגעבליבענע קרבנותווארטן כסדר אומגעדולדיק, אז מען זאל אויספירן דעם דעם פסק־דין, זיצט ער זיך רואיק אין דער פאסטקע און פאשעט זיך מיט די פעטע ביינער, וואס מען טראגט אים צו אונטער דער נאז.

עס גייען אפילו ארום קלאנגען, וואס ווערן נישט אפגעלייקנט, אז גראד אין א געוויסן טרויער־טאג איז עס געלונגען דער צויג זיינער זיך „אריינצו־שמוגלען“ אין דער פאסטקע אריין און ביידע האבן זיך אויסגעבילט זייערע הינ־טישע הערצער איינס פארן אנדערן.

אמאל איז געווען א הונט, האט ער געהייסן מאנסטער.
היינט איז נאך אלץ דא דער זעלבער הונט, דער מאנסטער !

יוסף לעפּטוויטש

## יאנקעל אדלער

ווי ווייס איך וואָס א טויטער וויל ?
אין וועלכער ערד ער וויל געפונען רו ?
האסטו געוועקט מאַנגערן ביי נאכט,
מיט א קול וואס ער האט געגלויבט דאס רעדסטו ?

און דער קול וואס איז דערגאנגען דורך אים צו מיר,
האט גערעדט — „אזוי האב איך בעגערט !“
א ייד געבוירן וויל איך ליגןביים טויט
באַגראָבן אין יידישע ערד !“

האבן די ניט געוווסט, וואָס דיין קונסט געליבט,
אז דיין פארב פלוסט פון דיין יידיש געמיט?
מאנגער, אוקין און איך האבן געוווסט
ווי דורך און דורך דו ביזט א ייד.

א חסיד ביזטו געווען, א ייד וואס זינגט —
בעל שם און פרץביידע דיין!
„כ׳בין א חסיד", האסט מיר אמאל געזאגט,
„א מאדענער חסיד וואס פליט מיט׳ן אראפליין.

„אז איך קום אפגרונט, פלי איך אריבער,
כ׳האב דעם זעלבן גלויבן וואס יעדער חסיד האט.
אז איך שטיי ביים סוף וועג, זאג איך א תפילה,
און אין הויב זיך אין דער הויך, און קום צו גאט".

האבן מאנגער און אוקין און איך,
דיך גענומען פון די גוים, צוריק צו זיך,
מיר האבן דיך אין א יידישן קבר געלייגט,
ביזט ווידער א גליד אין דער יידישער קייט.

אליהו פאלושאק

## נאך דער ארבעט

1

שבת אקעגן האלב־איינס מיטיקצייט האט מען זיך לאנגזאם אנגעהויבן צוצוגרייטן פרי אהיימצוגיין פון דער ארבעט. די ערשטע זיינען געווען א גרופע יונגע פרויען און מיידלעך, וואס האבן אין אלע אפטיילונגן פון דער מעכטיקער מאשינענבוי־פאבריק מיטגעהאלפן אלס הילפס־ארבעטערינס און האנטלאנגערס. זיי האבן מיט א לייכטער זיכערקייט אראפגעשיילט פון זיך די שערצן, אָווערעַלן און צעלאטעטע בלוזקעס פון אלערליי פארבן, וועלכע זיינען מאנטיק אינדערפרי געווען פריש, גאנץ און ריינגעוואשן, און נאך א גאנצער וואך ארבעט האבן זיי, די ארבעטס־קליידער, אריינגעזאפט אין זיך דעם גאנצן שמוץ, שווייס, אויל און פעטס, סאדע און מיליאנען־מיליאסן מיקראסקאפישע שטויב־טיילעכלעך און מאלעקולן פון די אלע מעטאלן, וועלכע זיינען געווען מאטעריע און רוי־מאטעריאל, פון וועלכע די גרויסע מאשינען־פאבריק לודוויג שווארצענקאפף אקציען־געזעלשאפט בערלין האט געבויט אירע לאקאמאטיוון און טענדערס, וואס זיינען אין שלום־צייטן געווארן פארקויפט אין אלע וועלט־טיילן, און איצטער אינם דריטן מלחמה־יאר זיינען זיי, די לאקאמאטיוון און די טענדערס, געווארן א טייל פון די לעבענס־וויכטיקע פראדוקטן, וועלכע דאס קייזערלעכע דייטשלאנד ברויכט פארן אייגענעם לאנד דא, פאר דער „פראנט" און די באזעצטע לענדער אין מזרח און מערב, און אויך אין געוויסע באלקאן־לענדער אין דרום, כדי צו קענען געווינען די מלחמה.



האנס־פרידריך, דער לאנגער שלאנקער שגץ מיט זיין אוואל־געפארעמטן פנים, דעם נידריקן שטערן און קורץ־געשוירענע האר, האט לאנגזאם איינגעזאמלט זיינע וורקצייג; די פארשידענע האמערס, פיילן, מייסלען, מעטאל־זעגן, דארנען און קערנערס, צוואנגן, שרויפן־שליסלען און קליינע עלעקטרישע האנט־בארמאשין. ער האט אנגעפילט מיט טאבאק זיין קרומגעבויגענע פייקע, אן וועלכער ער האט נישט געקאנט טון קיין שום ארבעט, און מיט א געוויסער פייערלעכקייט האט ער מיט שמאטקעס און פוץ־וואל אפגעשטויבט און גערייניקט אלע זיינע מכשירים, האט ארויסגעצויגן די שווערע שופלאד פון זיין ארבעטס־באנק, ווו ער האט געהאלטן פארשלאסן אלע זיינע ווערקצייג, ארויסגענומען עטלעכע, וועלכע געהערן נישט צו זיין שטענדיקן אינווענטאר, און וועלכע ער נעמט אויף בארג פון דער ווערקצייג־אויסגאבע פון זיין ארבעטס־רעוויר. פאר יעדן צוריקגעגעבענעם ווערקצייג באקומט ער פונם פארוואלטער א מעשן בלעכעלע מיט א נומער. אויך זיי, די ווערקצייג־מארקן, פוצט ער מיט דערזעלביקער פייערלעכקייט און א צופרידענעם שמייכעלע, וואס צעגיסט זיך אויף זיין לאנגן פנים. ער פארציט זיין קליין נעזעלע, שטרעקט אויס דעם לאנגן האלדז, סארטירט אויס די מכשירים אין דער לענג און אין דער ברייט פון דער שופלאד, הענגט די מעשענע בלעכלעך, די ווערקצייג־מארקן, אויף א נאגל, פארשליסט דעם קאסטן, שטעלט זיך פארגאפיעט און ברייטבייניק אוועק פאר א פאר סעקונדן, ווי ער וואלט אין געדאנקן צו זיך געזאגט: „נו, ווידער איז אוועק א וואך. איך האב מיין ארבעט אפגעטון. איצטער וויל איך זיין א מענטש מיט מענטשן גלייך".

דאס גרויסע געקלאפער פון די העמערס, דאס זשומען פון די מעכאנישע בארמאשינען, דאס געשווינט־ריטמישע געקנאטער פון די פרעסלופט (פנוימאטישע) ניטהאמערס, מיט וועלכע די שווערע שטאלבלעכן ווערן פארניטעוועט, די אפגעהאקטע טעמפ־מעטאלישע קלאנגן פון די גיליאטינעס און שטאנץ־מאשינען, און דאס ציש פון די מעכאנישע מעטאל־זעגן הערן לאנגזאם אויף צו פארטויבן די אויערן אין די גרויסע האַלעס פונם טענדערבוי. מען קען שוין הערן זיין אייגן קול און מיט מנוחה פארנעמען די ווערטער פון די קאלעגן, מיט וועלכע מען ארבעט צוזאמען. עס הערט זיך נור ארויס דאס שטילע געזשום פון די בעזעמעס, וועלכע קערן אוועק גאנצע בערג פון שמוץ, שטויב און מעטאלישע שפענדלעך, ספיראלישע און דיפערענציאלע און אנדערע משונהדיקע געאמעטרישע פיגורן. פון אלעמענס פנימער פארשווינדט דער אנגעשטרענגטער אויסדרוק פון געשעפטיקייט, פאריאגט־זיין און אחריות. מאסע־מענטש הערט אויף צו זיין מאסע־מענטש. די לאנגע אייזערנע קייט לעזט זיך אויף אין איינצעלנע רינגעלעך. מאסע־מענטש אינם גרויסן ארגאניזירטן ארבעטס־פראצעס ווערן אינדיווידואומס, יחידים מיט גאר אנדערע צילן: אהיים צו ווייב און קינדער, צו פאמיליע, טאטע־מאמע, פריינט, חברים, געליבטע; צו פארוויילונגן און פארגניגענס — טעאטער, קינא, ביר הייזער און פאריינען. עס איז דאס דערוואכן פון דער נשמה יתרה פונם שאפענדיקן אר־

בעטס־מענטשן אין דער לעצטער האלבער שעה פון א לאנגער ארבעטס־וואך. עס איז דער איבעררייס פונם וואכעדיקן פאריאגט־און פארטון־זיין אינם אויסגעארבעטן געפלאנעוועטן סיסטעם פון פראדוקציע און דער איבערגאנג צו דער שבת־זונטיקדיקער עקזיסטענץ אין א מער מנוחהדיקער וועלט.

ביי דער לאנגער ווערקבאנק מיט אכט שרויבשטאקן — פיר אויף יעדער זייט — שטייט דער פארארבעטער, דער „שיבער“, ווי מען רופט אים, א מיטליאריקער מאן פון א יאר 40־45, קליין־געבויט מיט ברייטע אטלעטישע פלייצעס און א מענלעך־אנגעשטרענגטן אויסדרוק אין זיין ברייט־ביינינקן פנים. ער דרייט זיך אויס מיטן רוקן צו דער ווערקבאנק, צינדט זיך אן א קליינע ביליקע ציגאר און פאפט מיט גרויסער הנאה גרוי־בלויע וואלקנדלעך אינם חלל פונם שטיל־געווארענעם ארום. ער דערזעט גראד, ווי די יונגע פרויען און מיידלעך ווארפן פון זיך אראפ די פארשטויבטע און פארשמירטע איבערקליידער און שערצן. מיט כיטרע פארזשמורעטע אויגן ווינקט ער צו זיי. עס בילדעט זיך געשווינט א קליינע גרופע פון לאכעדיקע שטיפערישע מענטשן, וואס קענען זיך שוין א לאנגע צייט, און ווארטן אויף די געציילטע מאמענטן, ווען מען איז נישט פארטון אין דער ארבעט, און קען אריינכאפן א לייכטן שמועס.

נאר ער, יואל, א יונג יידיש בחורל פון א יאר זיבעצען, שטייט אפגעזונדערט פאר זיך אליין, אריינגעטון און פארטיפט אין זיינע אייגענע מחשבות און פראבלעמען. יא. אויך ער פרייט זיך שוין אויפן „פייעראבענד“ נאך א גאנצער וואך ארבעט, און אז מארגן, זונטיק אינדערפרי, וועט ער זיך קענען אויסשלאפן און זיין פריי פונם געצוווּנגענעם עול אריינצוקומען אין דער פאבריק. אבער מיט דעם אויסשלאפן אליין ווערן נאך נישט געהיילט די ווייטיקן, וואס נאגן ביים הארצן. אייגנטלעך האט ער היינט נישט דעם שטענדיק־נאגנדיקן שמארץ, וועלכן ער קען זיך נישט דערקלערן. ער האט מער סיבה צו זיין מיט זיך צופרידן. דער לאנגער שגץ, האנס־פרידריך, האט אים צוגעלאזן אפשרעגן מיט האמער און מייסל די דיקע בלעכן, און נאכדעם ריין און גלייכמעסיק האלב־רונדיק צו פארפוצן ערשט מיט דער גראבער פארפייל, און נאכדעם מיט דער פיינער שליכט־פייל. די ארבעט איז פארטיק, און דער שייגעץ האט מיט זיין פייקע אין מויל צוגעשאקעלט מיטן קאפ, און עפעס געמרוטשעט צו זיך אליין, ווי ער וואלט דערצו געגעבן זיין מייסטערישע הסכמה.

עס איז נישט דאס ערשטע מאל, אז מען האט אים צוגעלאזן צו דער דאזיקער ארבעט. ווען דאס איז פריער געשייען, איז זיין אינערלעכע פרייד געווען אזוי גרויס, ווי מען וואלט א פארווארלאזטן בעטלער איינגעלאדן אין א פערשטלעכן שלאס, אים אנגעטון יום־טובדיקע מלבושים און צוגעלאזן צום פערשטלעכן טיש צו א מיטיק מיט די פרינצן און פרינצעסינען. זיין פרייד האב אבער פאראורזאכט אן אויפרעגעניש, וועלכע האט פארווישט יעדע צילזיכערקייט און האנט־געשיקלעכקייט, מיט וועלכער אזא ארבעט קען ווערן אויסגעפירט. ער האט פארפעלט דעם ציל מיטן האמער, געהאלטן דעם מייסל



אין דער פאלשער ריכטונג און ווינקל, און ברוטאל געניזיקט דעם גראבן פינגער און די געלענקען פון די אנדערע פינגער. ער האט נישט אויפגעשריגן און נישט ארויסגעוויזן קיין שום סימנים פון ווייטיק, ווען די לינקע האנט איז געווארן אנגעשוואלן, און פון מאנכע שטעלן האט מען געקאנט זען דאס רויע פלייש פון דער האנט. מען האט אים געשווינט אוועקגענומען פון דער ארבעט און באנדאזשירט די אפענע ווונדן. ער האט נישט געהערט און נישט געוואלט הערן, וואס דער שיבער און זיינע געהילפן האבן געשושקעט צווישן זיך. ער האט זיך געשעמט און זיך באטראכט, ווי א פרעמדן, אן אויסנזייטיקן, וואס שטייט מחוץ דער מחנה.

ער האט זיך פארגענומען אין צוקונפט צו זיין מער באהערשט. ער וועט אין די מיטיקס־פויזן מער פראקטיצירן די דאזיקע ארבעט, מיט אן אויסגערעכנטער רואיקייט. ער וועט זיי ווייזן, אז א יידיש יינגל פון פוילן קען אויך ארבעטן. יא, ארבעטן און נוצלעך זיין, זיין א פראדוקטיווער מיטגליד אין דער גרויסער שאפנדיקער ארמיי.

יא, גרויסע פלאמעדיקע, פייער־פלאמעדיקע ווערטער האט ער געטראגן טיף אינם בוזעם. ער האט זיך שטארק באהערשט די דאזיקע ווערטער נישט ארויסצורעדן, ווייל דא, אינם ניכטערן אויסגעארבעטן סיסטעם פון ארבעט און פראדוקציע, וואלטן אויפגעבלאזענע און שיין־געפארעמטע פראזן נור ארויסגערופן געלעכטער און שפאט. ווערטער אליין באטייטן דא גארנישט. יעדער באקומט צוגעטיילט זיין ארבעט: פונם לערן־יינגל ביז צום „שיבער“, מייסטער, אויבערמייסטער, פראדוקציע־אינזשעניער, אויבער־אינזשעניער. יעדער האט דא זיין ציווילן ארבעטס־סטאטוס. „דאס ווערט פון דיר פארלאנגט און דאס זאלסטו טון!“ דו און דו און דו! און טון זאלסטו דאס אזוי, אז עס זאל אריינפאסן אינם כלל־פראצעס פון דער פראדוקציע. פראדוקציע איז דאס שלאגווארט, פאראלע, פראגראם. פראדוקציע איז דאס כשוף־ווארט, א רעליגיע, וואס האט דא, אין א פארשטעקן ווינקעלע פון דער בראנדענבורגישער זאמדפושקע, נישט ווייט פון דער מערקישער שווייץ, צווישן וועלדער, טייכן און בערגלעך געשאפן א האמאגענישע אינדוסטריעלע אימפעריע מיט אזויפיל קוימענס און פאבריק־האלעס, און א גרויסער לאנג־אויסגעצויגענער ארבעטס־קאלאניע, צופוס פון דער דארף־גמינע האהעלעהמע, נישט ווייט פון קעניגס־וווסטערהויזן.

איר זעט פאר זיך א לאנגע אויסגעצויגענע גאס מיט הייזער און הייזקעס, רויט־ציגלדיקע כאטקעס, פעסטגעבויט מיט אלע באקוועמלעכקייטן, פאר קליינע און גרויסע פאמיליעס, מיט גערטן און גערטנדלעך, שיין און אויסגעפוצט, ווי היימען פאר ליאלקעס; א קאזינא מיט ביליארד־צימערן, א גערוימיקן פארזאמלונגס־זאל און א רעסטאראן, ווו עס ווערן ארויסגעגעבן מאכלים פון דערפרי ביז שפעט אינדערנאכט; שולן פאר יינגלעך און מיידלעך, פאך־שולן, א מין פאליטעכניקום פאר אלע מלאכות, וועלכע דינען דער פראדוקציע פונם גרויסן אינדוסטריעלן קאנצערן; ספארט־און מוזיק־פאריינען,

מענער־כארן און געמישטע כארן און א קאנסום־געגאסנשאפט, אויסשטאפירט און אנגעפילט מיט אלע לעבענס־און באדארפס־ארטיקלען פון דער וויג ביז צום קבר.

יא, היינט איז ער, יואל, מיט זיך זייער צופרידן. להבא וועט ער מער אויפפאסן און האלטן זיין אייפריק־צעהיצטן טעמפעראמענט אביסל שטארקער אין צוים. ער מוז זיך מער צופאסן צום קאלעקטיוון סיסטעם פון ארבעט. עס ארבעטן דאך דא אין אלע אפטיילונגן אן אומגעהויערע צאל יוגנטלעכע אלס לערן־יינגלעך, וואלאנטערן און הילפס־ארבעטער. א סך זיינען אפילו יינגער פון אים, און זע, ווי זיי לויפן דא ארום שטיפעריש און לאכעדיק, ווי עס וואלט דא געווען א גן־עדן. שטייען ביי דער ווערקבאנק און טון דאס, וואס מען פארלאנגט פון זיי מיט א מין סטאָאישער זיכערקייט און זעלבסט־פארשטענדלעכקייט. שיקט מען זיי ערגעץ־ווו עפעס צו באזארגן, באאיילן זיי זיך און ברענגען דאס פארלאנגטע מיט א פרעציזער קארעקטקייט. עס פעלט נור, זיי זאלן זיך מיט אויסגעשטרעקטן קערפער, ווי א ווירע גלייך און שטייף, אהינשטעלן: „יאַוואָל, הער שיבער, אייער באפעל איז גענוי אויסגעפירט, ווי איר האט עס באפוילן״. אבער ער, יואל, זעט דא אין דער גאנצער דיסציפלינירטער מאשינעריע א מין פארשווערונג קעגן דער פערזענלעכקייט, א קאנספיראציע קעגן מענטשלעכער חשיבות. פונם ערשטן טאג אן, ווי נור דו באטרעטסט די טעריטאריע פון דער דאזיקע אימפעריע ביסטו שוין אונטערגעווארפן אונטער אירע געזעצן פון שטייפער ערנסטקייט, דיסציפלין, איבערגעטריבענער פינקטלעכקייט און הארטקייט. אפשר זיינען זיי, די דייטשע יינגעלעך, צוגעוווינט פון דור דורות צום דאזיקן מצב פון הארטער שטרענגער פרייסיש־דייטשער דיסציפלין. אפילו נאך דער ארבעט, ווען דו גייסט אין וואשרוים זיך ארומצוואשן אדער אפשפריצן דעם נאקעטן קערפער אין דער ברויזע, שרייט שוין עמיצער, אז דו פארברויכסט צופיל צייט. „אין פינף מינוטן בין איך פארטיק מיט מיין ברויזע״. שרייט איינער בארימעריש. און אז עס וועט געדויערן זעקס אדער זיבן מינוטן וועט דער בנין איינפאלן, וועט די וועלט אונטערגיין? דענקט זיך יואל. זיי וויסן נישט פון דער ווייכקייט און געמיטס־שטימונגן, אין וועלכע א יינגל פון א יידיש־באלעבאטישער היים אין פוילן איז אויפגעוואקסן. און אפשר, פרעגט ער זיך, זיינען זיי גערעכט? ווייכקייט און געמיטס־שטימונגן זיינען שלעכטע און אומפאסיקע כלי זיין אין דער טאג־טעגלעכער מלחמה פארן שטיקל ברויט, פאר דער עקזיסטענץ. ער וויל נישט זיין, ווי זיי! עס זעט אויס, אז ביי זיי איז די ארבעט אלס ארבעט נישט מיטל צום צוועק, נור א לעבענס־ציל, אין וועלכן זיי לייגן אריין זייער גאנצן כח און חוש. ניין, אויף דעם געביט וועט ער קיינמאל נישט זיין ווי זיי. ארבעט איז דאך נור א מיטל צום צוועק. אפילו די קאריערע, צו וועלכער ער גרייט זיך צו די גאנצע צייט, איז אויך נור א מיטל צום צוועק. דאס ענדציל איז גאר עפעס אנדערש. דאס האט ער נאך נישט אויסגעטראכט ביז צום סוף. וועגן דעם האט ער פארשיידענע פלענער, וועלכע ער האלט גאנץ געהיים אפילו פאר זיך אליין, און . . . „אל תפתח



פה לשטן״, לאכט ער שטילערהייט אין זיך.

האנס־פרידריך איז שוין אינגאנצן פארטיק מיטן אוועקרוימען פון זיינע ווערקצייג. די ווערקבאנק איז ריין פון אפפאלעכץ, שמוץ און שטויב. ארום און ארום האבן די האנטלאנגערס און די פרויען אוועקגעקערט גאנצע בערג פון אפגעהאקטע ניטן, פארבלאנדזשעטע שטיקלעך מעטאל, שרייפלעך, דראט מעטאל־שטויב, אש פון די קליינע פעלד־קוזשניעס און אלטע שמאטעס, אנגעזאפט מיט פעטס און אייל. דער גרויסער ארומעט פון דעם רעוויר, ווו מען קניט און מאנטירט צוזאמען די גרויסע טענדעס, האט אין דעם דאזיקן דרויסן־קאלטן ווינטערטאג באקומען א פריינטלעכער פנים.

עס איז צען מינוט צו איינס, און אלע גרייטן זיך אראפצוווארפן פון זיך די בלויע לייוונטנע אדער בוימוואלענע ארבעטס־קליידער און גיין אין „מרחץ״ אריין זיך ארומצוואשן און אהיימגיין ריין ווי ארענטלעכע מענטשן. האנס־פרידריך ציט אויס זיין לאנגן האלדז. דער שלאנקער קערפער זיינער ווערט נאך לענגער און גרעסער. ער גיט א פרישן אויסגעצויגענעם צי פון זיין פייקע. בלוי־גרויע רויך־וואלקענס מיט א געמישטן אראמאט פון עכטן און קינסטלעכן מלחמה־טאבאק פארשפרייטן זיך ווי א באלדאכין איבער זיין קאפ מיט די קורץ־געשוירענע האר. זיינע אויגן באגעגענען זיך מיט יואלס און פריילעך־ווויליינגעריש ווענדט ער זיך צו אים: „נו, יולע מיט דער שפולע, ווו האלטסטו היינט? האסט אוועקגעמייסעלט א שיינע פאר מעטער פון די בלעכן? ווייז נור, האסט דיר ווידער צעהאקט די פינגער? שעם דיך נישט, ס׳איז נאך נישט געפאלן קיין מייסטער פונם הימל. אז מען וויל זיך אויסלערנען א מלאכה, מוז מען פראבירן, איינמאל, צוויימאל, דריימאל. פון ביכער קען מען לערנען אסך, אבער ארבעטן קען מען נור לערנען פון דער פראקטיק. שיינסט צו זיין מיד. קיבעלעס שווייס האבן זיך געגאסן פון דיין פנים, אבער ביסט געווארן פארטיק! נו, ביז מאנטיק קענסטו פארגעסן די ארבעט, די פאבריק, דעם שיבער און די מוידן, וואס פלאנטערן זיך דא צווישן די פיס. איך ווייס נישט, צו וואס מען ברויך ווייבער־פאלק אין א מאשינען־פאבריק. איך זע נישט דעם נוצן, וואס זיי ברענגען דא. איך האב געזען, יולע, האסט געווארפן אן אויג אויף דער קליינער בלאנדינקע. נישט גוט פאר דיר, נישט ווערט קיין דרייער, זי איז א סך עלטער פאר דיר, און יעדער יונגאטש קען זי האבן פאר א טאָוועלע שאקאלאדע. קום מיט מיר קיין בערלין. איך גיי היינט מיט מיין כלה אין אפערן־הויז, וועל איך דיך מיטנעמען. וועסט האבן וויעטשערע מיט אונדז צוזאמען, און נאכדעם וועל איך דיך אהיימשיקן מיטן לעצטן צוג. און זונטיק וועסטו קענען פופן ביז אין לאנגן טאג אריין און שפארן געלט פאר פרישטיק״.

יואל האט זיך שטארק פארוויטעלט פוו די לאנגע רייד, האט שטום באוויגן די ליפן, ווי ער וואלט געוואלט עפעס זאגן, און זיך פארענטפערן, אבער עס איז קיין איינציק ווארט נישט ארויסגעקומען פון זיין מויל.

דער שיבער איז גראד געשטאנען ארומגערינגעלט מיט די שטיפערישע מידלעך און יונגע פרויען, האט זיך צוגעהערט צו די רייד פונם לאנגן שייגעץ,

און מיט א געמאכטער בייזער מינע פון א שטרענגן פאטער האט ער זיך געווונדט צו האנס־פרידריך: „דו לאנגער דראנג האסט גארנישט עפעס בעסערס צו טון, ווי צו פארפירן דאס יינגל? דו גיי מיט דייך שיקסע צו דעם געקוויטשעכץ אין אפערן־הויז, נאכדעם וועסטו דיך אנשיכורן, אז מען וועט דיך מוזן אהיימברענגען, מיט א טוטשקע, — דאס איז אפשר גוט פאר דיר. לאז דאס יינגל צופרידן. ער האט מן הסתם דא פריינט און חברים פון דערהיים. און זאג נור, האסט מיר אפגעגעבן דעם ארבעטס־צעטל און אריינגעשריבן, אז דער קאסטן נומער פיר איז גרייט צום פארניטעווען מאנטיק אינדערפרי. איך האב נישט געזעען, אז דו האסט דאס געטון. ווילסט מיר ארייננכאפן אַ שטיקל באַנוס פאר גארנישט מיט גארנישט?" און דערביי האט ער זיך פריילעך צעלאכט.

האנס־פרידריך האט גוט פארשטאנען דעם ווינק. „שיבער, ווילסט מיך כאפן אין א גנבה אדער שווינדל. דו ווייסט דאך גאנץ גוט, אז איך וועל נישט ארייננשרייבן אַן ארבעט, וועלכע איך האב נישט געטון. עפן דיינע אויגן און גיב א קוק. די בלעכן זיינען צוזאמענמאנטירט, צוזאמענגעשרויפט, אלע לעכער פאסיק געמאכט צום פארניטעוון. דאס האט יולע געמאכט מיט זשאן'ען, דעם פראנצויזישן געפאנגענעם. נו, א גוט שטיקל ארבעט פאר א שוואך יינגל, ווי יולע. האסט דאך אליין געזאגט, איך זאל אים ארייננעמען אין דער קופע. ער האט מיך אזוי שטארק געבעטן, איך זאל אים צולאזן צו דער דאזיקער ארבעט! וועלן מיר קומענדיקן פרייטיק האבן א פאר מארק מער אין דער קעשענע. גינסט מיר נישט? עפעס וועסטו דערפון אויך האבן, ביסט דאך עפעס דער „שיבער". און זיי מיר נישט דער באשיצער פון יולען, דו, מיט א האלב טוץ שיקסעס ארומגערינגעלט. זע נור, ווי זיי באלעקן אים און חנפענען זיך צו אים, דעם אלטן ציגנבאק."

פון אלע זייטן זיינען מענטשן געגאנגען אין אייליקע האסטיקע שריט, זייערע ארבעטס־בלוזן און זשאקעטן אויפן ארעם, די פארשטויבטע און פארשמוצטע העמדס־ארבעל פארשארצט ביז צום אויבערארעם. א טייל פו זיי האבן געהאלטן ווייסע, גרויע און גרוי־בלויע האנטיכער, גרייט זיך צו וואשן און אהיימצוגיין, ווער נאענט, ווער ווייט, צו א ווארמער מאלצייט און א פאר שעה שלאפן נאכן עסן.

עס הערן זיך די לאנג־אויסגעצויגענע קולות פון די פאבריק־סירענעס. די געבענטשטע שעה, אויף וועלכער עס ווארטן טויזנטער ארבעטער די גאנצע וואך, איז געקומען. אלע אפטיילונגן פון דער מעכטיקער מאשינענבוי־אימפעריע ווערן אויסגעליידיקט פון מענטשן. מעכאנישע ווערקצייג, ווי די גרויסע, מיטלערע און קליינע בארמאשינען, פרעז־מאשינען, היבל־בענק און דרייבענק בלישטשן יום־טובדיק און איינזאם, יעדע פאר זיך אליין. די מאנשאפטן, וואס באדינען די דאזיקע מאשינען די גאנצע וואך, באאיילן זיך אין א געדיכטן מענטשן־שטראם צו די פאָרטאַלן, די הויכע אייזערנע טויערן, וועלכע ווערן באוואכט פון א כמעט מיליטערישן זיכערקייטס־דינסט, וואס באשטייט פון



פארשוינען, אויף וועלכע די דירעקציע פון דער פאבריק קען זיך פארלאזן.

טויזנטער ארבעטס־קארטן זיינען אויססארטירט לויט א סיסטעם. עס הערט זיך דאס קלינגן און קלאפן פון די זייגערס, וועלכע שטעמפלען גענוי די צייט, ווען דער און יענער ארבעטער פארלאזט דעם פלאץ. עס באאיילן זיך גראד די, וועלכע וווינען דא אויפן ארט, און האבן אפשר פינף אדער צען מינוטן צו גיין אהיים. פון דערווייטענס הערט זיך דאס פייפן פון לאקאמאטיוון און דער גערויש פון וואגאנעס אויף פארפרוירענע רעלסן. פינקטלעך אין צייט קומען אן די צוגן פון אלע ריכטונגן. זיי וועלן אהיימפירן די ארבעטער, וועלכע וווינען אין בערלין און אין די שטעט, שטעטלעך און דערפער צווישן ווילדהויזן און בערלין און אין די דארף־גמינעס פון דער אנדערער זייט, אין די לאנדקרייזן פון טעלטאוו און בעעסקאוו.

(ערשטע קאַפּיטל פון בוך „אונטער פרעמדע הימלען)

## א. נ. שטענצל

### לבנה־ראנדעוו . . .

1

„כ'וואָלט וואַנדלען געוואָלט צווישן אַלעיען־וועגן,
ווען לבנה וועט הענגען אין געשוועב פון צווייגן,'
וואס ווען א וואָלקן אָנשווימען וועט גראָד דעמלט,
מיין גרויער קאָפּ פאַרוויטלט זיך אַראָפּבייגן,

שוין הענגט ער שווער איבער דיין ליפּל, צעקנאָספּעטס,
ציטערדיק מיין סוד אין דיר אַריינצושוויגן?"
די זעקס שורות דיר ענטפערן אויפגעשריבן,
בלויז קיין כוח, אין קאָנווערט זיין אַריינצולייגן.

2

און אָוונט נאָך אָוונט כ'קאָן מיך קוים דערוואַרטן,
די פולע לבנה זאָל זיך שוין באַווייזן;
דער סוד אין מיר ווערט אַלץ גאַנצער, אַלץ פולער,
אַ העל־שיינענדיקער, זיך גאַנץ אויסצוקרייזן.

און פולע לבנה אין געפלעכט פון צווייגן,
לוגן וועט שטוינענדיק, די אויגן פאַרגלייזן,
ווי מיר צוויי, אָרעם אין אָרעם צווייג־פאַרפלאָכטן,
לבנה־וואַנדלעריש אויף שטראַלן־שטאַפּלען שפּרייזן.

3

פאַרוויקלט, פאַרקניפּט לבנהניש פאַרקנוילט ס'איז מיין קאָפּ,
כ'דריוול אַרויס לעצטן פאָדים נאָך אַ גרויען;
צוויי אָרעמס פאַרשפּרייטע, די פאַסמעס פאַרוואָרפן —
און דאָס האַרץ צעשטראַלט און איז פול מיט פאַרטרויען.

עס פלאָנטערט דער פאָדים, ער רייסט, ער קניפּט זיך,
פאַרשפּינט איך ווער אין אַ חלום, אין אַ בלויען:
אין פּאַסמע־געפלאָטער פון וואַרעמע אָרעמס,
טייעט אויף דאָס האַרץ און אויגן נעמען טויען.

4

דער זינגער אין מיר, ס׳ביסעלע בלוי אין מיין בליק,
וואָס אירע געדאַנקען אַרום מיר זיך וועבן,
אירע פינגער שלאַנק אַרום מיינע זיך פלעכטן,
איר יינגישע לעבן גאַנץ מיר אַוועק צוגעבן?

ווען דיך נישט אַ פליגעלע אין נעץ פאַרשפּינען,
אויסצוזאָגן לעצטן טראָפּ פון דיין לעבן,
קאָנסט אָבער באַלד אַ שמעטערלינג אַרום אַ פלאַם,
מיט פאַרזענגט פליגעלע אין לופט אַרומשוועבן.

5

אפילו אַ פייגעלע בויט זיך אַ נעסטל,
אין ווינט און איר רעגן האָבן ווו צו וווינען,
די אייעלעך ווו צו לייגן, אויסצובריען,
פאַר עופעלע זאָרגן, זיין לעבן צו שוינען.

„קו־קו, קו־קו, קו־קו“: קומט זי יאָ, קומט זי נישט?
קוקט לבנה פאַרדעכטיקט מיט שרעק און שטוינען:
באמת, כ׳וואָלט אַ בעלן געווען צו וויסן,
וואָס זיי זעען דאָס אין אַ זעלכע פאַרשווינען?

6

— ווי פאַרשיידן זיי זיינען, בלויז אַלץ די זעלבע,
נישט די חלומות — נאָר די צייטן זיך בייטן!
מיט תפילות, מיט לידער מיט צירופים דערהויבן,
מיט ציפער, מיט פאָרמול אויפהויבן די צייטן.

אין אַזאַ בלויע נאַכט מינסטן הונט דאַכט זיך,
מיט איין ביל, ר׳וועט דעם אייביקן חלום דייטן — — —
תבלנותדיק־עניוודיק, גאווהדיק־וויכטיק,
וואַנדלט לבנה פון איין וואָלקן אין צווייטן.

7

אַז די ראָבן מיינע אויגן נישט אויסגעפּיקט!
מיין קאָפּ אַ ראַדאַר פליענדיקער פּראָפּעלער,
אַראָפּצובריענגען ס׳טעלערל פון הימל,
מיט זשמעניעס זשאַרנעס אַן אָנגעפּולטער טעלער.



און אַז קורץ שוין דער אָטעם, דער קאָפּ געבויגן,
און שטאַרקער אפשר ווי דאָס קענען — דער וועלער!
אָבער נישט קיין פאַרשטאָכענע אויגן־לעכער,
דאָס ביסעלע בלוי אַלץ שיינענדיקער העלער.

8

דער שטערן־הימל — בלוי־זיידענער פּרוכת,
און די אַלעיען־ביימער — די חופּה־שטאַנגען!
גייסט נישט נאָך אַ פּאַר אבלטע נאָך מיין מיטה,
אָפן שטייט דאָס בעט — דאָס גראָז פריש אויפגעגאַנגען!

פון די ווערבעס די פידלען אַראָפּגענומען,
צו באַגלייטן איצט מיינע לעצטע געזאַנגען.
די פייגל שלאָפן שוין? נו, בין איך דער בדחן,
אַז ס׳האַרץ וועט צעגיין אַ וויינענדיקס דערלאַנגען.

9

אויף מיינע פינגער אויף יעדן גרינעם צווייגל,
אויספּייפן בלוי־וויאָלעטן בליטן ניגון,
דאָס אַטאָם־אויפגעריסענע האַרץ פון דער וועלט,
אַ וויינענדיק קינד אין וויגל איינצוויגן —

איך וועל עס נאָך אויף יעדן צעפּוילטן וואָרצל,
ווען אונטער דער ערד אַ טויטער שוין כ׳וועל ליגן!
אונז צוקאָפּנס וועט וואַך־וואַרטנדיקע סאָווע,
פון קינאה זיך קורטשונדיק, די נכפה קריגן.

10

וואָס אין דער פרי וועט זיין, ווען צו וועסט אויפוואַכן, —
צי איך אויך נאָך, ווער ווייסט? און וואָס שוין דער חילוק? —
און אַז יאָ, און איך וועל דיך נישט מער געפינען?
אַזאַ נאַכט געקויפט מיט איין לעבן — צום ביליק.

אַן ערלעכער טויט, פּונקט ווי אַן ערלעך לעבן,
ער איז נישט דער חשבון פון חיסור און חילוק ——
באַגינען געהערט היינט די פייגל טשוויטשערן:
אז ווער ווייסט אפשר, איז עס פון גאָט באַוויליקט.

11

אין מיין הייס־אויסגעהויכטן האַסטיקן אָטעם,
מיט קידוש־לבנה־אותיות פון אַ סידור,
אויף א שויב אין אַ ליכטיקער לבנה־נאַכט,
אויפגעשריבן מיינע ערשטע ליבע־לידער;

אַנצאַליקע אין הייסן זאַמד ביים ברויז פון ים
פאַר גאָט אויף פּנים בלינד געפאַלן אַנידער — —
קרישלדיק אין לבנה־שאַרבן קריצן אַצינד,
ביים ברעג פון לעבן, אַ פאַרמאַטערטער מידער ?

12

אין ציטער פון מיינע פינגער כ׳שפּיר שוין דעם טויט,
איין וואָרט כאָטש בלויז, אַליין קענען דערין גלייבן !
אָבער צי איז דען נישט טויט אייביקער פון לעבן,
צווישן גאָט און ליבע זיך פונאַנדערצוקלייבן ?

צי קאָן מען עס אויפסילען, אין גאָלד איינפּאַסן,
און צי מוז מען עס ערשט פאַפּירן אויפשרייבן ?
מיט בליק, בלוילעך אויסגעהויכטן, בלענד־פאַרגלייזטן,
אויף לבנה־שטראַל, אַן־ענד אייביק הענגען בלייבן — — —

13

ווער ווייסט וואָס עס וואַרפט אַזוי די ווילדע כוואַלעס,
אָפּ־און צו א רגע־רו נישט צו פאַרזוימען,
מיט זייער געברויז די הימלען צו דערגרייכן,
זיך צו דער גרונטעוועך די טיפסטע תהומען —

ביז פאַרוואָרפן ווייט אויף פרעמדע וויסטע ברעגעס,
אויסצוגיין אין אַנגסט־שווייס און גסיסה־שוימען.
און דאָס בלוט אין האַרץ פאַרוואָס ברויזט עס ווילד אַזוי,
אַ רגע־רו נישט איינצוהאַלטן, נישט צו צוימען ?

14

ווי אויף דער זון דיביינער צו וואַרעמען,
ס׳וואַרט ווער אויף לבנה׳ס וואָל־ווייכע גלעטן,
פּאַסמעס שטראַלן פאַלן בלוי אויף גרויליק פּנים,
געוויין־צעוויגט איבער קרעצנדיקע בעטן.

ווי אין דער זון אַ רויט־אויפגעבראָכענער קנאָספּ,
אַ פינסטער שטיבל צעפליסט בלוי־פיאָלעטן — —
דאָס דערפילן קאָנען בלויז שטילע פאַרליבטע,
ברויזנדיקער ים און דאָס האַרץ פון פּאָעטן.

15

נישט שלאַנק־געוויג אויף בלאַנק־געוויקסטע פּאַרקעטן,
און איך נישט אין אַ לאָזשע צעלייגט געזעסן —
אין אַ טויער, טויט־שלעפעריק די פיס צעקאָפּנס,
דו — לבנה־באַגאָסן, א דיבוק־באַזעסן,



געטאַנצט, אַ באַרפוסע, די „מאָנדשיין־סאָנאַטע״.
און אַז נישט ווו צו שלאָפן, טעג נישט געגעסן,
יעדער שלאַנקער באַוועג ביז אין הימל אַריין — —
ראַנגלדיקע מעת־לעתן נישט צו פאַרגעסן.

16

ווי האָב איך יענס מצווה־טענצל דעמלט באַגלייט :
אויסגעהוילטע פידל געלעגן אין טויער,
די סטרונעס איבער מיר — די לבנה־שטראַלן,
מיט נאָט־שליסל אין האַרץ פאַרשלאָסן דעם טרויער.

וואָס גאָלדענער עס ווערן די שטערן־נאָטן,
צעוויקלט זיך הימל אַלץ טיפער אַלץ בלויער !
אין מילך־וועג מיינע אויגן גאַנץ איינגעזויגן,
ווערטער צום ניגון שעפּטשעט מיר ווער אין אויער.

17

לעצטע סטרונע, דין־געסטראָיעט, געריסן,
זע, די פידל אפילו האַלט שוין ביים פּלאַצן,
נאָך צימבלדיק אויסזשאַזשן דעם לעצטן פאַל כאָטש,
אויף לבנהש מעשענע צעשעדיקטע טאַצן.

זי הענגט נאָך אין מיין פענסטער געפּלאַצט אין אַ שויב.
נישט אין די פענסטער פון פרינצעסין פּאַלאַצן,
אסטראָנאַוטן דרייען זיך דאָרטן איצט ארום,
מעדאַלן געהענגט אין די זיידענע לאַצן.

18

ווער קאָן נאָך לייענען פון די שטערן אין הימל,
און ווער ווייסט וואָסער מזל איז אַצינד שולט ?
אפשר מוז זיך לעצטער ראַטעווען אויף לבנה,
לעצט קידוש־לבנה־שטעטל אויסגעקוילעט ?

מיר דרייען זיך איינער ארום אַנדערן,
בלייכע לבנות אַרום זייערע זונען ;
אַמאָל אין אַ טרער מיר שפּיגלען זיך גענוי אָפּ,
ווי אויף א פינסטערן דנא פון אַ טיפן ברונען.

19

צי האָט ווער געענדערט דעם גאַנג פון לעבן,
אויסוועג פון טויט טויער ווער געפונען ?
מיט אייגענע שריט צירקל גענוי געצויגן,
פון דעם כשוף־עגול נאָך קיינער ענטרונען.

מיין טאַטנס אינם „שלום עליכם״־עגול,
פאַר מיינע אויגן ער שטייט מיר אזוי בולט — —
זע, מיטן לעצטן מנין מעבר־לים,
מען געדענקט נאָך גענוי די רגע פון מולד.

20

עס פאַלט א מעטעאָר און ווערט אויסגעלאָשן,
יאָ, אַ נאָמען קאָן זיך דורות אַמאָל ציען;
פון ארכימעדעס־איינשטיין ביז גאַגאַריק־גלעזן
דאָס ראָד־אין־רעדל, נול־געכפלט זיך מיען —

אָ, די אייביקע רגע אין מענטשלעך האַרץ
ווען דורותדיק עס צינט זיך אָן און נעמט גליען!
אין אַ פינסטערער נאַכט אַ פליגעלע וואכט אויף,
צעשפרייט פייערדיק פליגעלע אין נעמט פליען . . .

21

אפשר ביז לבנה וועט זיין פול, פגימהלאָז,
ביז דעמלט איך וועל מיך נאָך שאַרף איבערלייגן;
אָדער, ווער ווייס, צי גאָר נאָך אַ שעה פריר קומען,
און אַ יונג־בחורל לויפן דיר אַקייגן.

עס איז די ליבשאַפט, ווי דאָס לעבן, ווי דער טויט,
נישט זיך, נישט יענעם מען קען נישט איבערצייגן — —
תמיד איז זי צו פרי, תמיד איז זי צו שפעט,
די רגע — אייביקייטן איבערצושטייגן.

22

און ווי, אז איך וועל קומען און דו וועסט נישט זיין?
קיין פויגל טשוויטש, דער קוקו וועט סמוטנע שווייגן,
א נייגיריקע מיט פאַרשטאָכענע אויגן,
די לבנה וועט שפּאַנירן צווישן די צווייגן — —

יאָ, נישט איך אליין וועל זיין דער אויסגעלאַכטער,
מיר בידע אונזער כבוד מוזן פאַרבייגן:
איך, דער גרויער זינגער, דער בלאַס־אויסגעבלייכטער,
און דו — לבנהניש צעגלאַנצט אויף קרוינען פון צווייגן.

° ° °

## „כשם שאני רוקד״ (פון קידוש לבנה)

צוויי אַנטיפאָדן אָפּגעשאָסן פון ראַקעטס,
זיך געבן צו דיר זייער ראַנדעוווּ־דאַטע,



אויף מיליאָנדל סעקונדע אָקומען אין צייט,
מיטנעמענדיק אויף וועג אַ „ראָק און ראָל״־פּלאַטע.

אַ האַרץ פון גרויס געגועים־גאַרן, צו ווערן,
אָדער פון צער וואָס נישט געוואָרן, קיין טאַטע,
אין אַזאַ נאַכט, אַ בלוי־פאַרחלומטע, צו דיר,
אויף דורות־קייט אויסגעסאַרפּעט זיין סאָנאַטע.

## דער פאפע דאך

### א

ווילאנג די טשעסלאזשעס האבן געקלאפט מיט די העק, געזעגט, געהובלעוועט, געשלעפט די קלעצער, די זשיוויעצע־שמעקעדיקע ברעטער; יידל בלעכאזש און סענדער האבן געדזשוויגעט די פעקלעך פאפע, געקאכט די שטיקנדיק־שווארצע סמאלע אין די גרויסע קעסלען, אז ס'איז געגאנגען א רויך, האט די מאמע געקאכט, געברויזט, געשווימען אין איר פייערלעכער שטימונג. ווען דער דאך איז פערטיק געווארן, — כאטש ארייננצושטעלן א כויאינקע מיט פאפירענע בלומען, ווי ביי ענדיקן א געביידע! — און גאנץ טשעלאדזש איז ארויסגעקומען באוואונדערן דעם פאפע־דאך, וואס ציט זיך מיט זיין משופעדיקער הויכקייט איבער צוויי שטאק, — איבערן זיידנס חורבה־וווינונג, וואס איז געשטאַנען אפגעשלאסן פופצן יאר און איבער דעם אומענדלעכן בוידעם מיט זיינע משופע־פינסטערע ווינקלען, פול ראָיעדיקע ראטן און מייז, פול מיט פייגלנעסטן, מיט שפינען און פלאטערדיקע פלעדער־מייז — איז דער מאמען פינסטער געווארן פאר די אויגן.

איר גאנצע פאנטאסטישע ענערגיע, איר קוראזש איז מיטאמאל צוזאמענגעפאלן ווי מיט אלע כוחות אן אויפגעבלאזענער פאכאזש, וואס פלאצט ביים לעצטן צו שטארקן בלאז . . . אדער שטייט ווער הינטער איר רוקן, א באהאלטענער קונדס, וואס האט ארייגעשטעקט א נאדל אין דער אזוי וואונדערלעך־אויפגעגאנגענער, מיט אלע קאלירן שימערירנדיקער בלאז —

שטייט דאך די מומע אסתר רייזל הינטער א פארהאנג באהאלטן אין א פענסטער קייגנאיבער און קוקט אזוי קנאהדיק נישט־פארגינעריש . . . שוין האט זי דאך קעמיינט, דאס ירושה־הויז געהערט איר, און איידער מען וועט זיך פארדרייען, וועט דא שטיין א דריי־שטאקיקער ציגל־בנין, מיט סאלעס, איינע שענער פון דער אנדערער, און פון פארנט א געוועלב מיט צוויי שויפענסטער אין דער גאנצער ברייט . . . או ן אט שטייט עס גאר ווי א פעסטער גראניש־בארג געוואלטיק־גרויס צעוואקסן, געגרונטפעסטיקט פאר אירע קורצזיכטיקע אויגן . . .

נישט אנדערש נאר אן עין־הרע! די מאמע פילט זיך ווי זי וואלט פון שפיץ־דאך אראפגעפאלן און אלץ, וואס אין איר, איז צעבראכן.

פריער, אז די מאמע איז געגאנגען איבערן מארק און אונזער דאך האט

איר מיט זיין אלטקייט א שלאג געטון אין די אויגן אריין, האט פאר איר אויפגעשיינט דער בליענדיקער, געל־גרינער מאך; א סאמעט־געשטיקטער טעפיך אין זיין פולער פראכט איז אויפגעגאנגען איז זיינע ווונדערלעכע קאלירן; נישט אַ מויז, א ראט קריכט ארויס פון א לאך — פון א נאָרע א מוילומאָרף, אַ גיוכנדיק העזל, און ווי די שוואַלבן קרייזן דאָס ארויס שפּיץ; די ערד האט זי וויגנדיק געפילט אונטער איר שטאלץ־שלאנקן שריט — דעם אלטן האלטעקס טאכטער גייט! . . . ווייסט זי דאך וואסער באהאלטענע אוצרות ס׳ליגן אפגעשלאסן אין די חורבה־שטובן אונטערן דאך, אויף זיבן שלעסער פארהאקט, מיט פארזשאווערטע שליסלען אפגעשלאסן, אז קיינער זאל נישט קענען צוקומען . . .

און איצט, גאט אין הימל, אז זי גייט איבערן מארק, איז עס א גרויס אפקומעניש. די קניען ברעכן זיך אונטער איר, אויף איר קוקט נישט קיין דאך, נאר עפעס א גלאנציקע מרה־שחורה, א שווארצע משופעדיקייט, א קוילן־באַרג, א באוועגנדיקער באַרג מיאל. יא, זי זעט ווי ער רירט זיך . . . שדים באוועגן זיך הינטער אים! . . . זיי האבן אויפגעוואכט און אלץ צונישט גע־מאכט . . .

פופצן יאר זענען זיי געלעגן אפגעשלאסן הינטער זיבן פארזשאווערטע שלעסער, און אז די טשעסלאזשעס האבן אויפגעבראכן די טירן, וואס האבן זיי געפונען דארט? קופעס צעפוילט פון רעגן, פון שטויב; די מאכאנעבע שענק פון האלץ־ווערעם, פון מייז און ראטן צעגריזשעט. די זיידענע שובעס, די קאראקולענע מופעס, די טכויערנע פעלצן — אויסגעקראכן, פון מאל צעפרעסן! שטיקער שטינקנדיקע שפין־געוועבן!

ביים אראפרייסן דעם אלטן מאך־דאך האבן זיי מיט ווידלעס גאנצע קו־פעס אראפגעווארפן! עס ווערט איר ליידיק אין קאפ, פינסטער פאר די אויגן און דער משופעדיקער, שווארצער מיאָל בארג באוועגט זיך אַ שוואַרצער שד — דער צעגלאַנצטער פאפע־דאך, א פריש־געשמירטער מיט סמאלע.

דאס רויטע, צוויי־שטאקיקע ציגלנע הויז ביי דער זייט, וואס דער פעטער יידע־פייוול האט אויפגעבויט אויף זיין חלק־האלבן ירושה־הויז מיט די בלאנק־געפוצטע שוי־פענסטער פון פראדעלעס צוקערניע, האבן ערשט ריכטיק ארויס־געלויכטן אין מארק אריין.

מען האט אנגעהויבן צו מערקן, אז די מאמע מיידט אויס דעם מארק, בכלל וואס ווינציקער ארויסצוגיין. און נויטיקן פאל גייט זי ארויס דורכן הויף־טויער אין שמאלן געסל אריין בארג־אראפ און פון דער אנדערער זייט צו דער טומאה צו.

מתחלת האט זי זיך צוריקגענומען צו אירע געטאקטע טישטוך־צערעלעך און שטריק־רעמל. עס איז אבער נישט גענוג געווען צו פארטרייבן איר מרה־שחורה שטימונגען. די אומרואיקייט האט זי גענומען טרייבן פון שטוב.

דער אלטער דאך, דורך וועלכן ס׳האט אריינגערונען אין שטוב אריין און דער צעוואקסענער מאך אויף אים האט געבליט, ווי א לאנדשאפט מיט בערג־



לעך און טאלן, האט מיט זיין טריפנדיקייט געשמוצט די גלאנצנדיקע, לאקירטע בעלקעס, האבן זיי זיך מיט זייערע פאנטאסטישע מיתה־משונה קאלירן אריינ־געפאסט, זיך אריינגעפאסט ווי פעלזן־בלאָקן אין דער רעגן־רינענדיקער לאנד־שאפט — זיי האבן געהאט דעם אלט־יידישלעכן, היימישן חן — „חן מקום על יושבהו!“ . . .

איצט ערשט, מיט דעם נייעם, סמאלע־גלאנציקן פאפע־דאך, האט דאס אלט־פרענקישע ירושה־הויז, אונזער געבליבענער חלק פון זיידנס הויז, מיט זיינע בעלקעס און קונציק אויסגעקלעבטע ליים־ווענט באקומען אן ארעמאנסקע אויסזעען. אן אלטע אטלאסענע קאפאטע, ווי צעשאטן און פול מיט צויטן דאס מלבוש זאל נישט זיין, גלאנצט עס נאך אלץ מיט אמאליקער, זיידענער נגידישקייט, עס באקומט ערשט א סימן דלות, ווען מען לייגט הערויף א לאטע אויף א לאטע — עס פילט זיך דעמאלט די שפלות.

אזוי ווי מתחלת איז זי אפגעזעסן גאנצע טעג מיט א טישטוך־צערעלע, מיטן שטיק־רעמל ביים פענסטער צום הויף ארויס, אזוי איז זי דערנאָך גאנצע טעג אנגעזעסן ביי קאזלאווסקען דעם חזיר־פליישער, ביי שאנצנבערגלען דעם בייזן שכן, דעם שוסטערוק, ביז די קאלבאס־ריחות פון איין זייט שכן און קא־פוסטע־גערוך פון צווייטן האבן זי נישט געיאגט פון זייערע שטיבער; אדער גאר אויף א שמועס ביים גלח מכלומרשט קויפן ווינטער־עפל אדער לעזקעלעך, און ארומשפאצירן אין גארטן א האלבן נאכמיטאג.

די שטוב איז געווארן אפגעלאזט. צימעלע איז בייטאג געשטאנען אין גע־וועלב ביים אויוון און ביינאכט גערייניקט, געוואשן, אז אלץ זאל אויסזעען ווי געווען. מיט אסתרס אהיימקומען אויף יום־טובים, נישט אויסקומענדיק מיט דער מאמעס פירעכץ, — זי איז געווען געראטן מער מיטן אויסזעען און מיט איר שארפן שכל אין טאטנס משפחה אריין — און כדי אין דער גרויסער שטאט עפעס צו לערנען, זיך אויסצומענטשלען איז זי געווען א צייט ביי דער מומע גיטל אין טשענסטאכאוו, — האט זי נאך א גרעסערע גרויס־שטאטישע פרעמדקייט מיט זיך מיטגעברענגט —

די איצטיקע מאמעס געענג האט זי שוין אינגאנצן נישט גורס געווען! די פירונג אין שטוב איז איר געווען נישט צום הארץ, האט זי זיך ארומגעדרייט ווי א פרעמדע אדער געזעסן שטיל ביי ביכלעך, געהאַלטענע אין איר קאָפערל, מיטגעברענגטע פון טשעסטאָכאָוו. מיטן טאטן האט זי זיך נאך צו דערציילן פון דער משפחה, פון זיין היים־שטאט. אז ס׳זאל נישט אויסזעען, חלילה, אז אסתר פירט א ברוגז מיט דער מאמע, האט צימעלע אויך נישט קיין סך גערעדט. זי מיט איר גוטסקייט, מיט איר פויערישער פשטות, האט אלץ פאר ליב גענומען, האט אלץ פארגלעט; אז עס האט זיך ביי איר שוין פיל צוזאמענגענומען, האט זי זיך צעוויינט אין א ווינקל אדער צו מיר אויסגעלאזט איר גאנץ הארץ. אזוי ווי מיר איז ליבער געווען דאס צווייטע ווי דאס ערשטע, האט זי געשריגן: „שלעפסט זיך ארום מיט דיין אברהם זשארנאווצער! מיינסט כ׳זע נישט? . . .“ איך לאך איר אין פנים אריין ביז זי מוז זיך אויך צעלאכן. כ׳האב ארויסגע־

פילט, אז אברהם איז איר שוואכקייט. וואס־ווען האב איך, דער בר־מצווה בחור, נאך נישט פארשטאנען. אברהם איז אבער געווען מיט דריי־פיר יאר עלטער פון מיר, שוין א דערוואקסענער חתן־בחור; און צימעלע, ווי יונג זי איז נישט געווען, אבער דאך מיט א יאר צוויי עלטער פון מיר — א צייטיקע, צעוואקסענע, אין דער מאמען געראטן — א ריכטיקע „האלטקאווע"!

דאס דעקן דעם צעבראכענעם דאך, צו וואס די מאמע האט צוזאמענגענומען איר גאנצן קוראזש און וואס האט געזאלט ווערן די מויער קייגן טאטנס פלענער צו ציען קיין טשענסטאכאוו, האט גאר געהאט זיין קעגנווירקונג! רעגן האט דאך סוף־כל־סוף זיינע סעזאנען, און אז ס'רעגנט שוין, די אויסגעפרוווטע, סטראטעגישע קעגנמיטלען: דא שטעלט מען אונטער א טאפ, דארטן אן עמער, א באליע . . . אבער אז פאר דיינע אויגן שטייט אן אויפהער אזא שווארץ מאנסטרום, אזא באוועגלעכע מיאל־קופע — א שד! און דער מאמעס פיין געשניצטע, געטאקטע נאז — וואס מיט איין באוועג פון אירס א פליגעלע האט זי געקענט אראפווארפן פון זיך נישט איין אינערלעכע און אויסערלעכע משא — האט כסדר בייטאג און ביינאכט געשפירט דעם סמאלע־ריח . . . ס'האט ממש פאראליזירט איר גאנצע באוועגלעכקייט פון אלע גלידער . . . זי האט די נעכט נישט געקענט שלאפן. געלעגן מיט אירע גרויסע, בלויע אויגן און געגלאצט. אבער וואס קאן מען אויסגלאצן, אז דאס זעקעלע צירונג ליגט ערגעץ פארמשכונט? . . .

דער טאטע האט אפן שוין געמאכט א שמועס מיט אסתרן אין קעגנווארט פון דער מאמען מכוחן פלאן זיך צו ציען קיין טשענסטאכאוו, און נישט נאר די מאמע האט זיך נישט אויפגערעגט, נאר מ'האט בפירוש געזעען, אז אין דער מאמעס סמוטנער שטימונג האט זיך אן ענדער געטון. זי האט זיך צוגעהערט, נישט נאר מיט אירע קליינע, דיך־דורכזיכטיקע אויערן, נאר איר נאז האט צוריקבאקומען איר לעבן. זי באטייליקט זיך אינם שמועס אויף איר אופן, מתחלת איראניש; א צוק געטון מכוח „די משפחטערע", און דערנאך אפילו א קליינעם דריי געטון מיט א שמייכעלע, און צום סוף זיך אפילו באטייליקט אין שמועס: „מחותנים אונזערע, א ברודער־און־זון פון דער מומע אסתר רייזל האט א פיעקארניע אויף דער קראקעווער גאס".

דעם טאטנס פנים האט זיך ליכטיק צעשטראלט מיט זיין באליבטסטן שמייכל, און נישט נאר האט ער אים דער מאמען צוגעווארפן, נאר אונז אלע מיט אים ארומגענומען: אז די מאמע האט געקענט אויף אזא גוטמוטיקן אופן דערמאנען דעם נאמען אסתר רייזל, איר „גרעסטן שונא", וואס „גייט אויף איר לעבן"; וואס וויל דעם לעצטן חלק ירושה איר צוגזלען —

א, זי האט נאך קוראזש, די מאמע! גוטמוטיק צוצוגעבן איז א גרעסערער כוח, ווי בייזוויליק זיך נישט אונטערצוגעבן. דער טאטע האט נישט אויף זיין פריילעכן, הלצהשן שטייגער אויסגעשריגן „האלטקאווע", ער האט דאך מורא געהאט די מאמע זאל עס נישט אויפפאסן אויף א פארקערטן אופן.

דער טאטע האט דורך דער צייט פון זיין חתונה, די קעסט־יארן, דאס



זיין אין טשעלאדזש, ליב באקומען די האלטקעס, דעם פעטער חיימל ווי א יונג־פארוויינט ברודערל זיינס און יידע־פייוולען ווי אן עלטערן, דעם בכור פון דער משפחה, באוואונדערט זיין כאראקטער —

ווי קען ער פאַרגעסן יענעם באַגינען, נאָכן איבערפאַל פון מאַסקירטע רוצחים ווי ער איז געשטאַנען אויף דער קאָטש, פאָרנדיק קיין קאטאוועץ אויף אן אפעראַציע, אויף טויט און לעבן, ארויסצונעמען די צוויי קוילן פון האַלדז, צווינקנדיק לאַכענדיק און פריילעך, אז זי, די מוטער, זאָל נישט וויסן, אז ס'איז אזוי געפערלעך . . .

היימל אָבער, דעם זיידנס בן־זקונים, שוין געבוירן אין רייכקייט, פארצערטלט, איז געווען תמיד דאס זארגן־קינד.

אויב דאס ווערטל „ווער עס האט ליב זיין ווייב, האט ליב זיין משפחה" איז אמת, האט דער טאטע געמוזט שטארק ליב האבן די מאמען כאטש ווי א תלמיד־חכם, א געהויבענער ייד, האט ער עס אפן נישט ארויסגעוויזן.

פארן טאטן איז דער פלאן זיך אוועקצוציען פון טשעלאדזש שוין געווען אן אפגעמאכטער; פון דעם אליין שוין, ווייל דאס הויז איז געווען וויכטיקער פארן פעטער חיימל ווי פאר אונז.

נאטירלעך קאנען מיר נאך לעבן דא נאך א יאר, נאר א יאר, די אפיצינע פארדינגען און אפבידעווען אפילו אינם געוועלב ס'גאנצע לעבן. אבער פארן פעטער חיימל איז עס א לעבנס־נויטווענדיקייט. דאס הויז, ווו ער וווינט, איז נישט אין קיין בעסערן צושטאנד ווי אונזערס, און קאוואלסקי, דער „פאן אדוואקאטשיע", וועמען דאס הויז געהער, איז נישט ער וויל עס אים פארקויפן, נישט ער לאזט אים עס איבערבויען. די קנאה פרעסט אים אויף, דעם שכור, און מיט גוטע ריידעלעך ציט ער די עצמות. ער פילט זיך ווי ער וואלט געווען א מיטשותף. דעם טאטן טוט עס ממש וויי דאס צוצוזעען ווי ווייט עשיו קאן גיין צו דערקוטשען א ייד.

און אויך די מומע אסתר רייזל! איר שמאל קעפעלע איז פול מיט איין זאך: דאס הויז! עס איז איר גאנצע פאנטאזיע! פאר אירע קורצזיכטיקע אויגן מיט די גאלדענע בינאקלעס שטייט שוין זינט א צייט דאס דריי־שטאקיקע הויז, מיט גאניקעס אין מארק אריין, עס לייכט מיט זיינע ציגעלנע מויערן און קאפלאנע געזימסן און דא מיצקע־דרינען דער שווארצער סמאלע־דאך — מען זעט ממש ווי זי ליידט! אַ דאך איבער אונזערע קעפ: „כפוי עלינו הר כגגית" . . . שמייכלט ער.

חיימלס גרויסע געשעפט פאַרגעסערט . . . ארויפציען אויף אונזער ירושה־חלק אַ רויט־ציגלנעם פלאַכן דאַך, אז ס'זאל זיך אויסגלייכן מיטן פעטער יידע־פייוולס אויסגעבויטן ירושה־טייל, מיינט ווייטער ציען די האלטעק־דינאסטיע — דער גאנצער מארק וואלט באקומען א חשיבותדיק פנים.

דער טאטע האט ליב געהאט חיימלען ווי א יונג ברודערל, און אז ער וועט דאס הויז נישט האבן, וועט ער אומגליקלעך זיין ווי א יינגל, וואס דער עלטערער ברודער וויל אים נישט אוועקגעבן זיין שפילצייג.

פארן טאטן, וואס זיין גאנץ לעבן האט ער געלעבט זארגלאז, אן משפחה־עול, מיט א חסידיש־חקירישן צוגאנג: מ׳שטייסגעזאגט דאס ביסעלע לעבן, עס איז נישט ווערט קיין שמעק טאבעק . . . איין השגה אין אן ענין איז וויכטיקער ווי גאנץ עולם־הזה מיטן עולם־הבא צוזאמענגענומען . . . אפילו מיט בלויז אן המצאהלע קען מען אלץ פון זיך אראפשאקלען . . . אבער אז מ׳איז צו אים צוגעקומען מיט א שווערקייט, האט עס אים אדורכגענומען . . .

און ס׳איז באמת נישט געווען קיין אנדערע מעגלעכקייט פאר חיימלס צעוואקסן געשעפט, פאר זיין צעוואקסענער משפחה, ווי זיך גרונטפעסטיקן אויף דער ירושה־ערד.

וואס איז עס איצט פראכנע ווענט צום איינפאלן? דער שווערער סמאלעדאך בייגט נאך טיפער די מויער און מאכט זי איינגעפאלענער און שפלדיקער.

און אצינד, אז שלמה איז אוועק פון טשעלאדזש און „ס׳שטיבל״ איז אויך נישט מער אין הויז, שלעפן זיך איצט יעדן טאג איבערן גרויסן מארק מיט טלית־זעקל צו לייביש גוטמאנען אין הויף אריין. „עס איז שוין לייכטער איינצופאקן ס׳ביסל ספרים און היידא — קיין טשענסטאכאוו!״ — שמייכלט ער צו זיך אליין.

ער דערמאנט זיך ווי ער האט ס׳ערשטע מאל געזעען זיין שווער, דעם טשעלדזשער בעל־גוף, אין דער שבתדיקער, געהאקטער יובעצע. אויף די ארויסגעשטופטע, קיילעכדיקע קני האבן אויסגעזעען די צוויי אויסגעארבעטע הענט ווי צוויי רוענדיקע לאשעקעס — ער האט זיך ממש דערשראקן פאר אים! א ריז פון פארצייטיקע דורות, פון די „נפילים״! . . .

יידע־פייוול איז אינגאנצן דער שווער, אבער שבת, ווען ער טוט אן דעם סאמעטענעם הוט מיט דער אטלאסענער קאפאטע, און מיטן ברען „הודו לה׳ כי טוב״! ווערט ער אינגאנצן אן אנדערער. ער באקומט אן אנדער פנים. עס איז דער זעלבער ריז, דער זעלבער בעל־כוח, אין זיינע צוויי ארעמס צעקוועטשט ער צוויי אביעשטשיקעס. אבער מיט קייטעלעך אויף די הענט, א טאנצנדיקער בער מיט א טאפ האניק אין די הענט . . .

און ווי האט ער זיי ליב באקומען, די האלטקעס! און ווי האט ער מורא געהאט פאר איר שיינקייט ביז ער האט זיך צו איר צוגעוווינט. איבער 30 יאר נאך זייער חתונה, און היינט האט ער ערשט דערפילט ווי זי איז אינגאנצן זיינע: זי, אפנים, האט דערפילט, אז זי קאן זיך אויף אים פארלאזן.

ער האט אויך עפעס געלערנט ביי די האלטעקס: דרייסיק יאר קעסט איז געגוג! און אפשר איז עס לייב הערשס אהערקומען? ס׳איז טאקע פלייש פון זיין פלייש, אבער נישט דער דרך. ער פליט גאנץ אנדערש־ווו . . . זיינע יארן אין סאכאטשעוו שמעקן מיט „קאציק״.

ער דערמאנט זיך דעם „תפארת־שלמהס״ א ווארט: וואס מ׳קאן אלץ אין איין ווארט ארייגלייגן . . . אין א ווארט? אין אן אות! אינם פונטעלע ייד . . .

ער דערמאנט זיך ווי ער האט דאס ערשטע מאל מיטגענומען יידע־פייוולען צום „חסד לאברהם״, אנגעטון אים די אטלאסענע קאפאטע, דעם סאמעטע־



נעם הוט, געקויפט רבינו ת״ם׳ס תפילין — יידע־פייוול האט טאקע נישט באקומען קיין טעם אין לערנען מער, געווען שוין צו אלט, צו פארהארעוועט, אבער ליב באקומען עס, דאס לעבן דערפאר אוועקצוגעבן. און דער ליבשאפט וואלט דען לייב הערש געוואָרן דאָס וואָס געוואָרן? . . .

יחוס, נעמען אן איידעם אויף קעסט, איז נאך נישט געגוג . . . די ערד מוז זיין צוגעגרייט דערצו, דער ארום . . . נישט נאָר ארבע יסודות, ווער ווייסט וויפל סודות געהערן דער צו . . . טויזנטער יאר, מיליאנען דורות ליגן די קוילן דא אונטער דער ערד און איצט נעמט מען זיי ערשט ארויס.

ביי „משה הינטן״ אין בענדין וואקסט א גאון אין שטוב. ווער האט עס געקאנט וויסן? פון זיינע ערשטע ספרימלעך זיכער נישט, און איצט איז ער, ר׳ יוסף ענגל, ראש בית־דין אין קראקא! ביים געזעגענען זיך זאגט ער: גיט אכטונג אויף לייב הערשן, דאס וואקסט דער גאון עולם אין אונזער דור.

מארגן פארט מען אים אקייגן, וועט ער טאקע הייסן „דער טשעלאדזשער גאון״. א זכיה פון א מקום, וואָס איז אַזוינס זוכה . . .

דרינען אין דער שטוב האט די מאמע היינט צוגעגרייט דאס אנבייסן. נאך א לאנגער צייט דאס ערשטע מאל. מ׳האט אריינגעשפירט, ביזן טאטנס שטוב אריין, דאס פרעגלען פון די ארעמע ריטער. דער טאטע האט דעם פרעגלדיקן ריח דערשפירט און געפילט ווי ער ווערט רויט. ער האט זיך מיט דער האנט א וויש געטון איבערן פנים ווי ער וואלט די רויטקייט געוואלט אפווישן. ער האט געמוזט שמייכלען איבער זיך, ווען צוקומענדיק מיט זיינע פינגער צום עק פון זיין ברייטער, גרויסער בארד און אויפגעהויבן דעם שפיץ, דערזעען די פאר גרויע האר . . .

ער האט דערהערט דער מאמעס קול: „ווועסט דיך אריינגיין וואשן?״ ער האט נישט געענטפערט, ער האט געשפירט, אז ער האט נאך אלץ מורא פאר איר שיינקייט? . . . אדער האט ער געוואלט ענדיקן זיין געדאנק, ער ענדיקט שנעל: עס מוז ווערן א תכלית ביי איינעם, עס מוז ווערן א לעבנס־צוועק ביי אן אנדערן. איינער מיט פעסטע פלייצעס מיט ריזיקע כחות, און נישט נאר איינער, א גאנצע משפחה, א גאנץ „שטיבל״, א גאנצע שטאט, אז עס זאל זיך צעוואקסן אזוינס איבער אלע קעפ, איבער אלע השגות, א באוועגלעכע גאנצקייט, וואס ארבעט טאג און רוט נישט ביינאכט. אין די חלומות שפינט עס זיך ווייטער, דורות נעמט עס און ס׳מישן זיך דורות, נישט איבערגעריסן . . .

ווען די מאמע איז געשטאנען אין דער טיר אריינצורופן דעם טאטן, האט זי דערזעען אויף זיין פנים אזא קלארקייט, וואס זי האט קיינמאל נישט געזען. עס האט געלויכטן אינם גלאנץ פון זיין שווארץ־ברייטער, גרויסער בארד און זיך אויסגעלאזן אין אין דעם שפיץ מיט דער קלארקייט פון די פאר גרויע האר — —

„כ׳זע! אז דו ביסט פארטיפט, אבער ס׳שטייט שוין אויפן טיש און ס׳וועט ווערן קאלט״, האט זי געזאגט רויט ווערנדיק ווי א פארשעמט מיידל.

„ווייסט וואס ס׳איז מיר איינגעפאלן? מארגן, צו לייב הערשס קומען

וועסטו אזעלכעס אפפרעגלען. דער ריח ניחוח צעגייט זיך אינגאנצן. „און ביידע זענען געווען ארומגענומען פון א גרויסער פרייד.

* * *

באלד אין דער פרי איז פון מילעוויץ אנגעקומען שמעיה שמייסער און איז אריין, מיט דער בייטש אין דער האנט, צום טאטן אין דער שטוב מיט א בריוו פון לייב הערשן, אז ער בעט אים למען השם ארויסצוקומען. ער האט עס נויטיק מכמה טעמים. און דא קומט א מליצהדיק ווארטשפיל פון „דודי" מיט „ידידות", און אויב עס גענוגט נישט „אני לדודי ודודי לי", סטראשעט ער וויציק, נוצט ער אויס זיין גאנצן כוח פונם מרא דאתרא דק"ק טשעלאדזש; ס'איז זיך נאך מעמיק צו זיין להלכה „לדינה צי ער, דער פעטער, איז טאקע מחויב, און צי ער, דער זיך נאך נישט באַזעצטער מו"ץ האָט דעם כוח־המקום . . . ראשית . . . און דא קומט א רמב"ם מיט א כסף משנה והשנית, און דאס איז דאך על־כל־פנים, בכל אופן זיכער, געהער דאך מילעוויץ צום גליל טשעלאדזש, „ולא אזוז ממקומי".

דער טאטע האט נאך ווייטער געקוקט אין דעם לאנגן בריוו אריין, געשריבן אויף א גרויסן פראטאקאל־בויגן; דאס פאפיר, וואס לייב הערש האט גענוצט צו שרייבן זיינע חידושים, און ארויסגעשפירט זיין גאנצע, פריילעך־יום־טובדיקע שטימונג. דער „יום זה שקונו לו" האט ארויסגעזונגען פון יעדן עמקותדיקן איינפאל, וואס האט געשמעקט מיט אַ זיך־פאַרשכורטן ביי־טעם פון מסכת פורים . . .

דער טאטע האט אים נישט געוואלט שטערן די עילויש־פריילעכע, יינגלשע שטימונג. ער האט אויך דערפילט דעם ערנסט און די אימתא דציבורא פון א יונגנמאן, וואס איז עולה לגדולה און האט נויטיק עמיצן, אויף וועמען זיך אנצולענען און וואס זאל זיין ברויזידיקייט צוימען.

און כאטש עס איז שוין פון טשעלאדזשער קהל באשטימט געווען, אז אויף דער אקייגנפארנדיקער קאטש זאל ער מיטפארן, האט ער געהייסן שמעיהן צווארטן א ווייל און מיר געזאגט כ'זאל אריבערגיין נאכן פעטער חיימל.

ווען חיימל איז אריינגעקומען, האט דער טאטע נאך אלץ געלייענט דעם בריוו און מיט א מין יום־טובדיקער געהויבנקייט זיך געוואנדן צו אים, ווי ער וואלט עס פון דארט ארויסגעלייענט: „דו ווייסט דאך, טשעלאדזשער בעלי־בתים פארן אקייגן מקבל פנים זיין דעם נייעם מורה־הוראה. איך בין שוין נישט קיין טשעלאדזשער בעל־בית, ווייל כ'האב באשלאסן, אם ירצה השם, בקרוב מיך צו באזעצן אין טשענסטאכאוו".

חיימל האט געקוקט אויפן טאטן, אויף די גרויסע פראטאקאל־בויגנס, מיט א פאר אויפגעריסענע אויגן, מער פון שרעק ווי פון פרייד, און דערזעענדיק די מאמע שטיין אין טיר, א קוים אנגעטוענע, אריינקומענדיק פון שלאף־שטוב אן אויסגעשלאפענע, א צעשטראלט־פריילעכע, אן ארויסגעריסענע פון איר זיסן שלאף, נאך וואכן נישט־דערשלאפענע, איז ער ארויפגעפאלן איר מיט א שולדגעפיל, מיט א דערשטיקט געוויין: „פראדל גענענדל, גלויב מיר ס'איז נישט פאר מיר . . ."



די מאמע, ווי די עלטערע שוועסטער, וואס האט געוווסט, אז פאר חיימלען, זיין בן־זקונימל, איז ביי איר פאטער גארנישט געווען צופיל, האט אים מיט איר פרישער, נאך נישט אויסגעשלאפענער ווארעמקייט ארומגענומען: „און פאר אסתר רייזלען? ווער איז זי דען? זי איז דאך דיין ווייב, איז זי דאך אויך אונזער . . ." זי האט נישט געקענט מער ריידן, זי האט געפילט דאס ציטערן פונם ברודערס קאפ אויף איר נאקעטן האלז.

דער טאטע איז שוין געווען אנגעטון אין פאלטן און גרויס הנאה געהאט וואס דער גאנצער ענין האט זיך אזוי פשוט אפגעוויקלט: ער האט שוין, אפנים, אין טשעלאדזש זיינס אפגעטון . . . און זיך אפגערופן צו מיר מיט זיין המצאה־שמייכעלע, אבער די ברייטע, לאנגע בארד געקעמט מיט די פינגער מיט גרויס ערנסט, כלומרשט זי צוגלעטנדיק, צו זיין נסיעה קיין מילעוויץ: „זעסט, אברהם נחום, ווי מיט איין ,לפי זה' אלץ קאן גוט ווערן . . . זעסט, אויף דעם מוז אלץ זיין אויפגעבויט, אז נישט, האבן זיי קיין שום ווערט נישט . . . הונדערט און איין קשיא מוז מען קאנען פארענטפערן מיט איין תירוץ . . . כ'וואלט דיך גערן מיטגענומען, נאר דו בלייב ליבער דא מקבל פנים צו זיין. דו ביסט דאך א טשעלאדזשער . . ." זיין שמייכל האט אויסגעזעען, אז ער וויל ארויסריידן „א טשעלאדזשער דופע" . . . האלטנדיק די האנט אויף דער מזוזה, האט דער פארצויגענער שמייכל אהינגעשטראלט צו דער מאמען: „למען השם, פארגעס נישט צוצוגרייטן די געפרעגלטע ריטער, זיי וועלן דיר היינט אפשר נאך בטעמטער געראָטן לכבוד דעם גרויסן גאסט" . . .

ווען דער פעטער חיימל האט גענומען פון דער מאמען דאס צעטעלע צו גיין אויסלייזן דאס זעקל צירונג, וואס איז געלעגן פארמשכונט אויף צוויי טויזנט רובל, כדי אויסצופירן איר גרויס־פארטראכטן פלאן: קודם דעם דאך צו דעקן, צווייטנס, דאס געוועלב צו פארגרעסערן און דער עיקר ס'זאל ליגן גרייט טויזנט רובל, א נדן פאר אסתרן; — דער פלאן איז טאקע געווען גוט פארטראכט און מיט קוראזש, אבער מער ענערגיע ווי אויסצופירן דעם דאך צו דעקן האבן אירע כוחות נישט געסטייעט, — האט זי זיך געפילט א באפרייטע, א דערלייזטע. זי איז געשטאנען אויף דער שוועל פון געוועלב און זיך געפילט אזוי גרינג, אזוי לייכט, אירע דינע נאז־פליגעלעך האבן זיך פלאטערדיק קוים באוועגט, איינזויגנדיק די פרישע מארגן־לופט, אזוי מחיהדיק. אירע ארעמס האבן זיך, געשמאק אויסגעשלאפענע, ליכטיק געלענקט, ווי א וואגן מיט פעסער סמאלע ס'וואלט ווער פון איר אראפגעקוילערט . . .

דערזעענדיק פריידעלען ארויסקומען אויף דער שוועל פארן צוקערניע־געוועלב, האט זי צו איר פריילעך צוגערופן: „פראדעלע, האסט שוין אויסגעבאקן עפעס א פיינעם לעקעך פארן קבלת־פנים? . . . כ'ווייס, דער טאטע וועט שוין אלץ מיטברענגען, מ'קאן זיך אויף יידע־פאַוולען פארלאזן! אבער מיר מוזן אויך עפעס צוגרייטן. אברהם נחום זאגט מיר, אז לייב הערש וואקסט דאך עפעס אזוינס . . . אז דאס ספר וואס ער שרייבט . . ." זי רייסט פלוצלינג איבער, אינגאנצן א פריילעכע פונםאיינפאל: „לויף דאך אריבער צו אסתר

רייזלען און רוף זי ארויס . . . זי איז דאך א וואלבעראמערין, זאל זי ווייזן ווי מ׳וויקלט דאס צוקער־פאפיר ביים באקן א וואָלבעראָמער האָניק־לעקעך. תמיד ווען לייב הערש קומט ארויס, דערציילט ער די זעלבע מעשה: ווען מ׳האט אים געברענגט א פיר יאריקן יתום פון טשעלאדזש קיין וואלבעראם צום זיידן, האט דער פעטער יצחק אים געגעבן א קאפיקע פאר יעדן בלאט גמרא פון אויסנווייניק און אז פאר איין קאפיקע האט ער באקומען אזויפיל צוקער־פאפיר, אז דאס אפלעקן דערפון האט אים מער געווּמען ווי דאס אויסלערנען דאס בלאט גמרא״.

ווען דער טאטע איז ארויסגעקומען קיין מילעוויץ, איז לייב הערש מיטן פעטער יצחק שוין געשטאנען דרויסן פאר „לייב הערש בית־מדרשל״ זיך האַלנדיק אייער דעם צווייטן ביים גארטל און אריינשרייענדיק איינער אין אנדערן אריין: „כלאַפּ, פאַרשטאָפּטער קאָפּ״, „פעטער, פעטער ווייסט דאָך גאָר נישט וואס צו רעדסט״.

ווען לייב הערש האט געהערט שמעיהן יאגן מיט דער בריטשקע איבערן שטיקל אויסברוקירטן שאסיי פארן קארדאן, איז ער ארויס און נאכגעשלעפט מיט זיך דעם אין־אים־ארייַנשטאמלענדיקן פעטער יצחק.

יצחק, ווען ער איז אראפּ פון קעסט ביים וואלבעראמער עלטער־זיידן, איז געווארן רב אין קאזשעגלעוו, אין א דארפישער קהלה פון א דריי מנינים יידן, און כדי ס׳זאל זיין א פולע פרנסה האט נאך די רביצין געהאט א קראם מיט קאסעס, מיט שערפן און מיט שלייף־שטיינער. אין א מארקטאג האט יצחק אליין צוגעהאלפן ארויסשלעפן די עקער־אייזנס אין מארק אריין.

יצחק איז נאך פון די קאצקער חסידים, א ליבלעכער חבר פון אברהמלען, דעם יונגן קאצקער איידעם פון בענדינער בית־המדרש. ווען נישט זיין שטאמלען און זיין שטענדיקן זיך כעסן, קוקנדיק בשעת מעשה מיט א פאר לאכנדיקע, קוים ארויסזעענדיקע אויגן פון די בייז־צעוואקסענע, גראבע ברעמען, ווער ווייסט ווו ער וואלט אנגעשטעקט, אין וועלכן רבישן הויף אדער ווארשעווער נגידס הויז ער וואלט געגעסן קעסט, און אין וועלכער עיר ואם בישראל ער וואלט געזעסן אויף כסא רבנות. אזוי האט ער ביים וואלבעראמער בעל־גוף אפגעגעסן זיינע פיר יאר קעסט און געווארן קאזשעגלעווער רב.

מען האט נישט געקענט קלוג ווערן צי האט דער פעטער יצחק טאקע געשטאמלט, געווען א כבד־פה, צי ווייל ער האט תמיד געהאט א פול מויל מיט סברות, מיט תירוצים, מיט אפּענטפערס, מיט אפגעהאקטע ווערטער, מיט נישט פארענדיקטע זאצן, וואס יאגן איינס דאס אנדערע; וואס קרישלען זיך פון זיינע ציין צוזאם מיטן ליולקע־ציבעק רויך, וואס יאגט פון זיין קייענדיקן בורשטינענעם מונדשטיק צוזאם מיט א פול מויל בארד און וואנסע, וואס ער האט געהאלטן אין איין בייסן פון כעס. נאך איצט זע איך זיינע גוטע אויגן, ווי זיי קוקן ארויס אויף מיר פון זייערע פארבארגענישן פון די פארוואקסענע, דיקע ברעמען: „אלטער נחום וואקסט, וואקסט? . . . ער האט מסתם געוואלט זאגן צו מיר: „וואקסט כלי, א קאפּ, א שקאָץ? אבער ס׳האבן די ווערטער



נישט געסטייעט. (דער פעטער יצחק האט מיך נישט גערופן אברהם נחום, נאר אלטער נחום. אלטער נחום, האך איך געהייסן נאכן זיידן האלטעק, זיין שוואגער, און אברהם, נאכן „חסד לאברהם״, דעם ראדאמסקער רבין, וועם ער האט נישט שטארק גורס געווען . . .).

לייב הערש האט טאקע דערפאר געוואלט, אז דער פעטער בערישל, זאלן טאקע ארויסקומען און מכריע זיין. מיטן פעטער יצחק ווער ווייסט וואו ער וואלט אהינגעקומען. ער וואלט אים פארשלעפט, אזוי האלטנדיק ביים גארטל, אין די הרי־חושך אריין, טיף אין א קוילן־גרובן אראפּ; זיי וואלטן זיך ביידע פארהאקט אין א שווערער סברה. דער פעטער יצחק וואלט זיך שטאמלדיק געכעסט, לייב הערשל וואלט עמקותדיק פאמעלעך געצויגן מיט די פינגער ווערטער פון מויל, ווי פון א טאפּ האָניק ארויס, ווי פון א פאס סמאלע, ביז מ׳וואלט זיי געפונען אזוי מיט די הענט אין די גארטלען, שטייענדיק הינטער א בוים, הינטער א פלויט . . .

אז דער פעטער יצחק האט דערזעען דעם טאטן, האט ער פארגעסן צו שטאמלען: „בערישל, קום אריין, וועסט מאכן א לחיים״. ווי אן אלטער קאצקער האט ער שטארק געהאלטן פון „נעמען א קאפּ״.

„יצחק, אבער, נאר א ראַדאָמסקער״ . . . האט דער טאטע זיך נישט געקאנט איינהאלטן אים, דעם קאצקער, צו געבן א טשעפּ.

„מילא, מ׳ווייסט דאך ביי אייערע קטנות דמוחן איז א קליין קעלעשקעלע אויך גענוג״.

לייב הערש האט געזעען, אז דא ברענט שוין א פייער, האט ער געגעבן א כאפּ ביידע פעטערס ביי די אקסלען און אריינגעטאנצט מיט זיי אין שטוב אריין מיטן שמחת־תורה ליד, וואס ער האָט שטאַרק ליב און עס געזונגען מיט זיין שיינעם קול־נגינה:

„איבער א גלעזעלע בראנפן
מאכט מען שהכל״.

אין שטוב אויפן יום־טובדיק געדעקטן טיש איז שוין געשטאנען פון נעכטן אן, זינט יצחק איז געקומען, א צעשניטענער „וואָלבערעמער״ האָניק לעקעך, פלעשער מעד און בראנפן מיט גלעזלעך. ביים טיש איז געזעסן הענדל פראמער, לייב הערשס פאטער, א נישט־אויסגעשלאפענער; מסתם דירעקט אנגעקומען פון א גאנצער נאכט זיצן ביי א קערטל, וואס ער האט זער ליב (עס האָט אין דער משפחה געהייסן, זינט דעם טויט פון זיין ערשט פרוי, לייבהערשס מוטער . . .) דער פעטער יידל־פייוול, שוין יום־טובדיק אנגעטון אינם סאמעטענעם קאשקעט. הער טאטע, זעענדיק זיין צעשטראלט פנים און די באבע חיה רבקהס פרום־פרעפלענדיק פנים, שטייענדיק אין דער טיר צום געוועלב ארויס, האט ער געזוכט דעם אויף דער וואנט דעם „הודו לה׳ כי טוב כי לעולם חסדו״, וואס מען צעברענט זיך מיט אים צו מנחה פאר קבלת־שבת.

*　*　*

אויפן קאזשיאל זיצט שמעיה שמייסער, מיט א נייער ביציסקע. ביי זיין

זייט — דאס מילעוויצער שוסטערל אין דער שבתדיקער קאפאטע. די אויסגעפאשעטע פערד גלאנצן אויסגעפוצטע, רויטע בענדלעך דארפיש־פארפלאכטן אין די פערדישע טשופרינעס.

פון איין זייט אויפן פאראדנעם געזעס פון דער קאלעס אוועקגעזעצט דעם פעטער יצחק, ער פיפקעט בייז די ליולקע־ציבעק, אז עס גייט אזש א וואלקן רויך פון זיין בארד און וואנסעס; פון דער זייט — דעם פעטער בערישל.

לייב הערש קומט ארויס אין זיין גאנצער איצטלא־דרבנן, אין דער נייער, זיידענער קאפאטע, אין רבנישן, סאמעטענעם קאפעליוש. ער פארלייכט מיט זיין בלאנדער בארד און פיאות, מיט זיין צעשטראַלט פנים און ווילדן בליק.

די אויסגעטאקטע, אויסגעלאקטע פלעשעלעך־פיאות, ווי מ׳וואלט זיי א נאכט פריער ממש מיט א הייסער אנדילער־שער אויסגעלאקט, טראכט דער טאטע: אויף סאכאטשעוו מיט זייער גדלות, מיט זייער כבוד־התורה, מיט זייער שטאט און הויפישן פירעכץ איז אלץ צו גלויבן. און אפשר זענען זיי גאר גערעכט . . . טייטש נישט אזוי דער מדרש „לסוסתי ברכבי פרעה” . . .

הינטער אים קומט נאך הענדל און יידע־פייוול, די באבע בלייבט שטיין אויף דער שוועל א פרעפלדיקע מיט פארגלייזטע אויגן. די מומע טייבעלע, עטשע, די יונגע רביצין, און די דאָרפישע צימעלע (אלע צימעלעך זיינען געווען דאָרפיש) שטייען מיט די פנימער אין די שויבן, זיי וואגן נישט ארויסצוקומען...

לייב הערש זיצט שוין, הענדל און יידע־פייוול זעצן זיך אויפן געזעס אקייגנאיבער, און די קאטש רירט זיך.

ווי נאר מ׳דרייט זיך אריין אויפן ברוקירטן שאסיי, וואס אקייגנאיבער דעם קארדאן און מ׳הערט דאס קלאפן פון די רעדער, גיט א זעץ ארויס א מארש. דער אביעשטשיקער־ארקעסטער שטייט אויסגעסטרויעט און די מעשענע כלים גלאנצן אין זייערע אנגעבלאזענע יוניש־רויטע פנימער.

דער פעטער יצחק פארעט מיט כעס זיין ליולקע־ציבעק, וואס ציטערט אזש צווישן זיינע קני, אז די גאנצע קאטש ווערט איינגעהילט אין וואלקן רויך. דער טאטע קוקט פארשנדיק אויף יידע־פייוולען און איז זיך משער: מסתם האט ער אריינגעשיקט אין קארדאן אריין לכבוד־היום א פאר גאנשערס מיט אקעוויט, דער קאפיטאן וויל דאס אפדינען אזוי אויף זיין אופן און אפשר . . .

ער קוקט אויף לייב הערשן ווי ר׳איז אריינגעוואקסן אין זיין ראלע, ווי ער וואלט זי געקענט בעל־פה: ער האט דאך אין זיין בוזעם־קעשענע נישט נאר די סמיכה פון סאכאטשעווער און היתר־הוראה פון ר׳ יואב יהושע, נאר אויך דעם רוסישן עקזאמען, להבדיל, וואס ער האט אויסגעלערנט פון די קארעספאנדענצן „בין יום ובין לילה” . . . אויף די עלויים איז אלץ צו גלויבן . . .

אויף דער מילעוויצער בריק, ווו פון איין זייט האבן זיך אויפגעהויבן יידע־פייוולס שטיינברוך־בערג און די ברענענדיקע קאלך־אויוונס און צופוסנס האט זיך געצויגן דער גרוז־שאסיי, וואס פירט פון די סאטורניע־פאמיליען־הייזער פאר די ארבעטער און ווילעס פאר די שטייגערס און דירעקטארן, און פון דער אנדערער זייט אריבער איבער וואסער און די לאנקעס — די קאפאל־



ניע־קוימענס און די געווערק־טורעמס פון ווו די ארבעטער לאזן זיך אראפ אין די גרובן־טיפענישן אריין, האט אנגעיאגט א קאטש מיט א פאר ברענענדיקע פערד. די קאטש האט זיך אפגעשטעלט נאך איידער די קאלעס איז ארויף אויף דער בריק. פון דער קאטש איז א מלא־שמחהדיקער ארויס שלמה: סוף־כל־סוף איז עס כבוד־התורה, און אפשר געהער עס גאר צו „ואהבת לרעך כמוך”, וואס איז כולל אין זיך כל התורה כולה, „ואידך זיל גמור”? ער וועט דעם פארפעלטן שיעור אויספערטיקן, צולייגן יעדן טאג א צען־פופצן מינוט . . . אדער איז עס פשוט דאס יינגלש־„עילוישע”, וואס רופט זיך ביי אים כסדר אלץ צוריק אפ נישט פטור צו ווערן דערפון? ס׳איז אוודאי פשוט דאס משפחה־געפיל, זיך מיטצופרייען מיט אלע צוזאם אויף דער משפחה־שמחה . . .

יידע־פייוול איז מיט איין שפרונג אראפ פון זיין פלאץ, ווו ר׳איז געזעסן מיט הענדלען און געהייסן שלמהן זיך אנידערזעצן. בשעת שלמה האט זיך געפרווט האמפערן: „פעטער” און אנגעוויזן אויף דער קאטש, האט זיך דער טאטע דערווייל אויפגעשטעלט פון זיין פלאץ און זיך זעצנדיק ביי הענדלען, אנגעוויזן שלמהן זיך צו זעצן אויף זיין פלאץ אין דער זייט ביי לייב הערשן. שלמה איז געבליבן א צעטומלטער: מיט כבוד־אב וואלט נאך אפשר געווען א מעגלעכקייט איינצוטענהן, אבער ער זעט, אז עס האנדלט זיך אין „איש את אמו ואת אביו תראו”. ער האט אויפגעציטערט און איז שטיל ארויפגעגאנגען אויף דער קאלעס און זיך „אנידערגעזעצט” אויפן טאטנס ארט.

יידע פייוול, אן אַנגעטוענער אין סאַמעטענעם קאַשקעט, אין דער סערזשענע יבעצע, אין זיין חול־מועדיקע שטימונג, אין דערווייל אַריין אין זיין אַמאָליקן בחורישן עלעמענט, ווען ער האָט געטריבן פייערדיקע פערד מיט שווערע לאָדונג: „שמעיה געב דאך אהער די בייטש, וועל איך די ווייזן ווי מ׳שמייסט, אז מ׳האט א ריסאַרע מיט א זעלכע שווערע פאַרשוינען”. ער איז אַרויף אויפן קאַזשאַל, אַ פריילעכער, הינטן איר איז נאכגעפאָרן צי ליידיקע קאָלעס.

דער טאטע האט מיט איין זייטיקן בליק דערזעען, אז דער סכסוך אין דעם פרומען יונגנמאן נישט יוצא צו זיין, נישט אזוי און נישט אזוי, און דאס וועלן מקיים זיין די צוויי מצוות פון כבוד־אב און דאס וועלן מכוון זיין די כוונות־המצווה פארמוטשען אים אזוי, אז ער קאן זיך קוים צוהערן צו דער עמקותדיקער סברה, אין וועלכער יצחק און לייב הערש האבן זיך פארהאטשיקט ווי צוויי ראנגלענדיקע לייבן.

„ווייסט, בערישל”, רייסט איבער יצחק זיין געשטאמל און רופט זיך אן צום טאטן, „א שאד וואס דיין שלמה איז נישט געבליבן לענגער אין סאכאטשעוו . . .” אים, דעם אלטן לייב, וואלט ניחא געווען, אז הינטן אויף זיין רוקן כאפט זיך א צווייט יונג לייבל און אט קאן ער ערשט ארויסווייזן זיינע כוחות. און דא זיצט א „כתוב השלישי” און זעט אויס ווי ער האט גאר מורא דאס מויל צו עפענען; צי אפשר איז ער גארנישט תופס אפילו: „דיין ראדאָמסק, מילא חסידות . . . אָבער אָנהאַלטן אים אין קליביצק אזויפיל יאָר”.

דער טאטע האט שוין נישט אויסגעהאלטן מער: „הער אויס, יצחק, כ׳געב

דיר א קופערנעם פייעם פאר דער גאנצער עמקות מיט דער חקירה צוזאם גענומען ! כ׳ווייס סאכאטשעוו האט זיך פארנומען אריינצוציען חקירה אין עמקות אריין, מורה נבוכימדיק לערנען א שטיק ר״ן אין נדרים, מיט „עקרים״ זיך פארטיפן אין א תוספותל . . . אויף דעם האבן מיר „שער התשובה לרבינו ת״ם״ . . . מה למעלה מה למטה האט ביי אונז א גאנץ אנדערן פשט : זע נישט ווי גרויס דו ביסט און ווי קליין יענער איז וועסטו נישט קומען צו א נפילה . . .״ ער האט געזעען, אז ער האט איבערגעכאפט די מאס ; אז יצחק איז פון כעס ווייס געווארן ; אז דער ציבוק איז אים ארויסגעפאלן פון מויל.

„יצחק, גלייב מיר, כ׳וויל דיך, חלילה, נישט אנדירן ; כ׳וויל נישט זיין קיין נוגע־פוגע . . . אבער כ׳מוז אנרירן אונזער אלעמענס ענין — אונזער וועלטל קרישלט זיך. פונקט ווי מ׳קאן מיט חקירה גאט נישט באווייזן, קאן מען מיט סברות נישט מברר זיין איין הלכה. וואס טויגן אלע לבושים, אז זיי דעקן צו דעם צלם־אלקים ? . . .

„מיין נישט, אז ביי זיי זענען נישטא קיין תוקרים און פילאזאפן ; אָ, מיט זייער עמקות קאנען זיי אונז באגראבן קבורת־חמור . . . דער רמב״ם האט זיך געסארפעט מיט אריסטון און ער האט אים בייגעקומען. מיין נישט, אז מיט זיין מורה־נבוכים — מיט זיין יד־החזקה ! און וואס מיינסטו איז דער תניא קייגן דעם אַמסטערדאַמער ? א לעמעשקעלע אַרומגעהאָנגען מיט מעשענע רוזין דרזין גלעקלעך . . . — א קראַץ אבער פון רבי ר׳ זושע, איז גובר זיי אלע ! א ווארט פון קאזשעניצער, אן הלצה פון תפארת שלמה . . .״

ער זעט, אז מיטן דערמאנען דעם תפארת־שלמה איז ער שוין צו ווייט געגאנגען. יצחק ווערט רויט, ער כאפט די וואנסע, די בארד, דעם ציבוק אין מויל אריין און ס׳קאן דא ארויס א פייער.

„יצחק, גלויב מיר, איך ווייס, איין גלייכווערטל פון קאצקער איז בכוח אויסצוגלייכן נישט איין עמקותדיק־פארקרומטן רוקן . . . גאט האט מצווה געווען און דאס איז די גרעסטע עמקות. ער האט אראפגענידערט צו אונז אונז צו דערהויבן צו זיין עבודה, און מיר האבן אפצוגיין אין שווייס פון שמחת־המצווה . . . מיר מוזן זיין פראסטע גורניקעס . . . קוק דאך אריבער דארטן, ווי די רעדער דרייען זיך, ווי די קוימענס פלאמען און רויכערן, אבער אן די פראסטע גורניקעס, מיט נאפט־לאמפ און טשייניקל מיט ציקאריע, איז עס אויסגערויכערטע פייקעס און הוילע, דרייענדיקע סברות״ . . .

ער לייגט ארויף די האנט אויף יצחקס קני : „יצחק, וועסט מיר מוחל זיין וואס כ׳האב מיך אזוי צערעדט און אייך געשטערט אין אייער מברר זיין . . .״ ער קוקט מיט גרויס ליבשאפט אויף שלמהן : „און מיין נישט, אז זיין קאפ דרייט זיך נישט אויף טויזנט רעדלעך. ס׳איז אַ געווערק אין קאָרווערט !״ . . . שלמה לאָזט אראפ פארשעמט דעם קאפ.

„דו זאָגסט דיר אזוי קליביצק . . . אַז ר׳ יעקב יוסף איז אַרויסגעקומען נאך זיין שיעור פון קליביצקער בית־מדרש אן אָנגעגאָסענער אין שווייס פון פיל פול־ריקודים איז גאנץ קליביק געשטאַנען אין די ווינקלען צו כאַפן א בליק אויף אַ מלאך אלוקים. די גוים להבדיל האָבן געקניט אויף די שוועלן . . . ס׳פאַלט

מיר אַצינד איין דעם טשאָכאַטשעווערס „אגלי־טל״ איז אן עבודה פון ל.ט. אב־מלכות, אן עמקות זיך אַראָפּצולאָז אין די טיפסטע שאַכטן — ס׳איז מסתם דער גרויסער תיקון וואס בן מזקה אב . . . יענער אויסגעלאָשענער פרייטיק צו נאַכט אין קאָצק האָט זיך שוין אָנגעהויבן מיט ר׳ בונם׳ס גאַנג זוכן עמקות אין מאַטערסדאַרף . . . מיטן גרינג־שעצן דעם פויליש־פילפולדיקן דרך הלימוד . . .

יצחק האָט געביסן די וואָנסעס און געקוקט מיט זיינע גוטע אויגן, לייב הערש איז געזעסן מיט פאַרזשמורעטע און געפאַלדעטועט די קלאָרן הויכן שטערן. מ׳האט געהערט דאָס סאַרפנדיקע רייבן פון די פאַרזשאַווערטע רו־סאַרעס פון דער אַלטער קאָטש, דאָס שטילע סאַפּען פון די פערד.

דער טאַטע האָט אָנגענומען שלמה ביי דער האַנט : „ס׳איז נישט גלאַט קיין צעשמועסן זיך . . . „ס׳האָט זיך צעצויגן, ווייל ס׳קומט מיר אָן שווער עס אַרויסצורייידן : ס׳איז אַ געזעגענען זיך, כ׳האב באַשלאָסן בקרוב אי״ה, מיך צוציען קיין טשעסטאָכאָוו״. יידע פייוול וואָס האָט מיט איין אויער פון דער קע־לניע זיך צוגעהערט, נישט פאַרשטייענדיק דעם גאַנצן שמועס, איז געבליבן פלוצלים זיצן אויפן קאזשאל א געלעמטער מיט לייצן אין די הענט, די בייטש איז אים אַרויסגעפאַלן.

אויפן גרוז, אויפן אויסגעשאָטענעם שליאַך פון טשעלעדזש קיין מילעוויץ האָט מען שוין געזען אָנקומען די טשעלעזשער בעלי בתים וואס פאָרן א קייגן. די בריטשקע איז געווען געבאָרגט ביי באַטשען, איינגעשפאַנט פון פאָרנט איז געגאַנגען מאַנעלעס פערדל פון דער זודע פאַבריק. עס האָט נישט געהערט דאס שטענדיקע קלאפן פון די פלעשער, און קיינער האָט עס נישט געטריבן איז עס זיך געגאַנגען שטיל פּאַוואָלינקע און זיך מיט קאפ צוגעהערט צום געשאַר פון זיינע אייגענע פיס אין גרוז און מיט איין אויער צום שמועס פון זיין בעל־בית מיטן פעטער חיימל — עס איז אים ווויל געווען דעם פערדל . . .

„אצינד אז יידע פייוול ווערט אן אייגענער אין טשעלעדזש, זאל ער זיך לאָזן קאָסן . . . דעם פלאַץ אונטערן בערג איז ביליק צו קויפן, שטיינער און קאַלעך פעלט אים נישט, זאָלן מיר האָבן אן אייגן בית־מדרש צו ערשט גאָט און דערנאָך איך מיט מיין פערדל . . . איך האָב אויך מיין פאַבריק אליין אויפגעשטעלט. מיינע זעקס טעכטער וועלן העלפן דזשוויגן . . . זאָל בלייבן א מקום־קדוש נאָך מיר״ דער פעטער חיימל האָט געקענט מאַנעלען און האָט געוווסט, אז ס׳וועט נישט נעמען קיין סוף און דאָ זעט מען זיי שוין אָנקומען : „הער מאַנעלע, דעם דאַך האָסט דו שוין, איך געב דיר דעם גאַנצן דאך, א שפּאָגל נייעם פאַפּע דאַך און דאָס איבעריק וועט מען שוין זען, דו, זעסט דאָך אז זיי קומען שוין אָן״. יא, דאס פערדל האָט עס אויך אפנים דערזען, ס׳האָט פריילעך גענומען שטעלן פיס : „אדם ובהמה תושיע ד׳ ״.

---

## יידיש ליטעראַרישע שבת-נאָכמיטאָגס

אין בערנער סטר. 33, בערנאַרד באַראָן סעטלמענט א.1. — 3 אַזייגער

שבת, 26׳טן יוני — אַ רעפעראַט פון מאָריס מינדעל.

שבת, דעם 2 יוני — סעם לעוו : ווי פילט מען זיך מיט 75 יאָר.

שבת, דעם 9׳טן — יעקב ריכטיגער : שבועות, קבלת־התורה.

שבת דעם 16׳טן — משה דאָמב, די איינפלוסן אויף דער יידישער פּראָזע.

234

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור


נומער 7־6 (העפט 9־368) דריי און צוואַנציקסטער יאָר יוני־יולי 1962 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל


אינהאַלט:


מכוח די קליימס־קאָנפערענץ אין סאַוואָי־האָטעל .......... °° 1

מכוח די „נעמער" און „קעגנער" פון די דייטשע שילומים ..........

ש. י. האַרנדאָרף 3

„דער מלך המות" (מאָנאָלאָג) .......... אברהם קירשענבוים 5

וואָרט נישט פון לעבן (ליד) .......... עלע זילבערג 11

יצחק ראָזענבערג (פּאָעמע) .......... יוסף לעפּטוויטש 12

אַ פּאָר העגטשקעס (סקיצע) .......... משה בעקערמאַן 12

פאַרוואָס? (ליד) .......... מנחם קוטנער 14

די קולטור פון לעבן אָדער דער קולט פון טויט (עסיי .......... יעקב ריכטיגער 14

ציגיינער (סאָנעטן־קראַנץ), מ'ריירט זיך אין וועג אַריין (פּראָזע) ..........

א. נ. שטענצל 19

אַ דיכטער האַרץ (ליד) .......... יהושע ריווין 44

נאָטיצן פון אַ ליינער (ארום גן־עדן, צוגאַסט, יידיש טעאַטער) .......... א. אַלמאַן 45

אַכציק יאָריקער יובל פון יהודה ביטש .......... מנשה וויסגראַז 47

יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס .......... 48

ווער באַקעמפט יידיש אין ארץ ישראל .......... א. אַרזשיצער


## פרייז 2 שילינג


אַבאָנאַמענט־פרייז: —26 שילינג פאַר אַ יאָר

אין אויסלאַנד: —8 דאָלאַר אַ יאָר

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: —

"ŁOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press. 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*


## לאָנדאָנער קולטור ידיעות

דער וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד איז געפייערט געוואָרן מיט א גרויסער פאַרזאַמלונג פון אַלע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס אין סאַנקט פּאַנקערט האָל. די הזכרה האָט געמאַכט חזן האַס, רעציטירט אין יידיש: יידל גאָלדבערג.

פריינט פון יידיש לשון, רידינג רום און דער בונד אין אדלער־האָל: רעדנער: שאָשקע ערליך, הזכרה: לעאָן בלומענזאָן, רעציטירט און געזונגען קאַצעט לידער — נעט רובין און מאיר באָגדאַנסקי.

ביי דער וויצ"א האָט געמאַכט די הזכרה חזן סמוס, גערעדט רעוו גייער.

ביי דער פייערונג אין אַרבעטער רינג האָט גערעדט פּראָפעסאָר לעווי און עלעק וואָטערמאַן א. האָלאַד האָט רעציטירט.

° ° °

יונה פּאָדאַלסקי, אַן אָנגעזעענע פּערזענלעכקייט אין יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן, קאַסירסער פון ייוו"א איז נאָך שווער ליידן געשטאָרבן. מיר דריקן אויס אונזער טיפן מיטגעפיל צו פרוי פּאָדאָלסקי, זון און טאָכטער.

נייטן קראַמער, אָנגעזעענער אַרבעטער־טוער, געשטאָרבן פאַרגאַנגענעם חודש.

° ° °

די גרופּע „פרייע אַרבעט שטימע" האָט אין אַרבעטער־רינג געפייערט דעם 71'סטן יאָרגאַנג פון דער „פרייע־אַרבעט־שטימע" דעם פּאָרזיץ האָט געפירט פריינט ביילי.

° ° °

די חברים פון בונד האָבן אויפגענומען די געסט, פּראָפעסאָר אלעקסאַנדער ערלעך און פרוי שאָשקע ערליך ביי א גלעזל טיי אין ארבעטער־רינג. דעם פאָרזיץ האָט געפירט בערל ראָזנער.

° ° °

מיכאל זילבערבערג און אליהו פּאָלושאַק, נעטע און פרוי קויפמאַן זיינען צוריקגעקומען פון קורצע באַזוכן אין מדינת ישראל א. מ. קייזער איז איצט געפאָרן אויף אַ לענגער אויפהאַלט דאָרט.

° ° °

בעלאַ ווײנער האָט געהאַלטן א פאָרטראָג: 40 יאָר די מאָרגנפרייהייט אין אַמעריקע.

עלעק וואָטערמאַן איז געווען אין וואַרשע צו די 19־אַפּריל־פייערונג.

° ° °

די אַקטריסע אנא באום איז פאַרגאַנגענעם חודש געשטאָרבן, מיר דריקן אויס אונזער טיפן מיטלייד צו אים מאַן, דעם באַליבטן אַקטיאָר מאַקס באום.

° ° °

פייערונגען לכבוד דעם יום העצמאות זיינען אָנגעגאַנגען אין אַלע לאָנדאָן. אין וויטשעפּל האָט די „בית־ציון" געפייערט אין בית־הכנסת־הגדול אין קאַמערשל ראָד, די וויצ"א אין אַדלער האָל, פריינט פון יידיש לשון שבת־נאָכמיטאָגס ביי די

° ° °

די געזעלשאַפט פאַר יידישע קולטור ביי דער פועלי ציון, האָט אין קאָרע־האָטעל געפייערט דעם הונדסטן געבוירן יאָר פון יידישן טעאַטער. רעדנער יוסף לעפּטוויטש ס'איז אויך אַן אַלבאָם געווידמעט דעם דאַטום, רעדאַגירט פון י. ח. קלינגער.

° ° °

יוסף לעפּטוויטש, האָט זיך באַטייליקט ווי א דערלעגאַט אויפן פּען־קאָנגרעס אין בעלגיע, האָט אויך באַזוכט פּאַריז.

° ° °

ש. י. האַרענדאָרף איז צוריקגעקומען פון א קורצן באַזוך אין בעלגיע.

° ° °

מרדכי ארדון, באַרימטער מאָלער פון ישראל האָט פאַרגאַנגענעם חודש געהאַט דא אן אויסשטעלונג, די פּרעסע האָט זיך אָנגערופן זייער באַגייסטערט.

° ° °

אין דער לעצטער לעבעדיקער צייטונג האָבן זיך באַטייליקט: יוסף פרענקל, י. א. ליסקי, בן־צבי בערנשטיין, א. ראָלין און שלמה אויערבאַך. פאָרזיץ ש. י. האַרענדאָרף.

° ° °

דער מאָלער שרגא ווייל פון ישראל האט אן אויסשטעלונג אין בן־אורי, די בילדער גוטע מאַכן אַ גוטן איינדרוק.

° ° °

חבר סעם לעוו ווערט דעם חודש אַלט 75 יאָר. מיר ווינטשן אים עד מאה ועשרים:

## א וואַרשעווער געטא אויסשטעלונג

קומט פאָר פון 30 מאַי ביז דעם 6'טן יוני אין העקני־טאון־האָל מער סטר. א.1.